ו. נאַטאַנסאָן

שפּינאָזאַ און בערגסאָן

(אַפּאַראַלעל)

פאַרלאַג „נייע געזעלשאַפט“ שיקאַגאַ
(יעקב באַבינסקי – פּרעזידענט)

UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 14 13 23 10 005 4

ו. נאטאנסאן

שפינאזא און בערגסאן

(א פאראלעל)

פארלאג „נייע געזעלשאפט" שיקאגא
(יעקב באבינסקי — פרעזידענט)

LIBRARY
FEB 25 1998
UNIVERSITY OF TORONTO

געדרוקט אין 1500 עקזעמפלארן, ווארשע 1923

דרוקעריי „הצפירה“, לעשנא 54

COPYRIGTH BY W. NATANSON
NEW-YORK 1923

WYD. KULTUR-LIGE, WARZAWA, 1923
DRUK. „HACEFIRA“, LESZNO 54

פון מחבר

אין דעם אַלטן „דאָס נייע לעבן“, רעדאַקטירט פון דר. חיים זשיט־לאָווסקי, האָט זיך געדרוקט אונזער אַ סעריע אַרטיקלען, אונטער דעם פסעוודאָנים בן־נתן, וועגן דער פילאָסאָפיע פון אַנרי בערגסאָן. די סעריע איז איבערגעריסן געוואָרן צוליב דעם, וואָס דער זשורנאַל האָט אויפגע־הערט צו דערשיינען. די דאָזיקע סעריע וועט ווערן אַ טייל פון דעם גרע־סערן בוך „שפּינאָזאַ און בערגסאָן“ — אַ פּאַראַלעל צווישן צוויי גרעסטע יידישע פילאָסאָפן, וועלכע וועט, ווי מיר האָפן, דער־שיינען אין אַ פּאָר יאָר אַרום.

די דערשיינונג פון שפּינאָזאַס „עטיק“ און „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט“ און אַ. בערגסאָנס „אַריינפיר אין דער מעטאַפיזיק“ וועט דערוויל געבן דעם יידישן לעזער די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די פילאָסאָפישע שיטות פון די צוויי גרעסטע יידישע פילאָסאָפן פון די ערשטע קוואַלן.

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט ווילט זיך אונז אין דער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג אָנוואַרפן פאַר דעם יידישן לעזער אייניקע פון די וויכטיקסטע פונקטן פון דעם פּאַראַלעל צווישן שפּינאָזאַ און בערגסאָן, וואָס מיר האָבן בדעה אויף אַ ברייטערן און טיפערן אופן צו באַהאַנדלען אין דעם אויבנ־דערמאָנטן ווערק.

וו. נאַטאַנסאָן

מיין בעסטן פריינט,
חבר און תלמיד
יעקב באבינסקי
א מתנה.

I

אין די אַלע פאַרגלייכונגען, וואָס זענען ביז איצט געמאַכט געוואָרן צווישן שפינאָזא און בערגסאָן, איז, אויף ווי ווייט אונז איז באַקאַנט, דאָס הויפטגעוויכט געלייגט געוואָרן אויף דער אַנטקעגנגעזעצטקייט צווישן דעם שפינאָזיסטישן און דעם בערגסאָניסטישן בליק אויף די שייכותן צווישן גאָט, מענטש און וועלט.

אונז, אָבער, אינטערעסירן אַ סך מער די פונקטן, וואָס אין זיי גייען זיך צונויף די צוויי גרויסע פילאָסאָפן. און די ענלעכקייט צווישן זיי, וועלכע ליגט טיף, טיף אונטער זייערע אַנטקעגנגעזעצטע שטריכן, אינטערעסירט אונז אַזוי שטאַרק דערפאַר, וואָס אין איר, אין דער דאָזיקער ענלעכקייט, זעען מיר דעם אויסדרוק פון דעם ייִדישן גייסט, וועלכער האָט זיך דורכגעזעצט דורך זיינע צוויי קינדער, הגם איינער איז אַזוי ווייט פון דעם אַנדערן אין צייט, אין אָרט, אין איינדריקן און אין איינפלוסן, אונטער וועלכע זיי האָבן זיך דערצויגן און אַנטוויקלט.

איינער פון די שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירט די פילאָסאָפיע פון שפינאָזאַ און וואָס טיילט זי אויס פון אַלע אַנדערע פילאָסאָפיעס, איז דער שטריך פון אימאַנענץ. קיינער פון די פילאָסאָפן פאַר שפינאָזא, און קיינער פון זיי נאָך אים, איז נישט באַשטאַנען אַזוי שטאַרק ווי ער אויף דעם מאָניסטישן ספּירּיטואַליזם. קיינער ווי ער האָט זיך נישט אַזוי שטאַרק איינגעשטעלט פאַר דעם געדאַנק, אַז אַן איין=און=איינציקער גייסטיקער מהות, אַן איין=און=איינציקע זיך זעלבסט פאַרורזאַכנדע סובסטאַנץ, אַז

איין=און=איינציק אַבסאָלוט=אומענדלעכעס וועזן, קורץ — אַז אַן איין=און=איינציקע ספּיריטועלע רעאַליטעט, אַן איין=און=איינציקער אייביקער, אַבסאָלוט=אומענדליכער און אַן אַבסאָלוט=פּולקאָמענער גאָט פּילט=אויס דעם אוניווערס און שליסט איין אין זיך דעם גאַנצן וועלטאַל.

מיט זיין אויסדרוק „דעוס סיווע נאַטורא (גאָט אָדער נאַטור) האָט שפּינאָזאַ געוואָלט, אַז עס זאָל קלאָר און דייטלעך פאַרשטאַנען ווערן, אַז יעדער ריר, יעדע באַוועגונג, יעדעס געשעען און יעדע געשטאַלטונג, וואָס קאָן פון אונזערע חושים באַנומען ווערן און פון אונזער געדאַנק באַגריפן ווערן, איז אַ טייל אָדער אַן אָנזיכט, אַן אַטריבוט אָדער אַ מאָדוס פון איינער און דער זעלבער סובסטאַנץ. און זי, די דאָזיקע סובסטאַנץ, איז קיין אַנדער זאַך נישט, ווי די זיך=זעלבסט=פאַרורזאַכנדע, אָדער אייביק=זייענדע און אַלץ=אויספּילנדיקע גאָטהייט, אָדער דער אַלץ=אַרומנעמענדער און אַלץ אין זיך איינשליסנדיקער גאָט.

אַלץ און אַלעס אין דער וועלט, און די וועלט אָדער די נאַטור אַלס גאַנצעס, פון וועלכע דער מענטש איז אַ טייל, איז איינגעשלאָסן ווי אַ קערפּער אין דער הויט, ווי דער שטאָף פון אַן איי אין דער איי=שאָלעכץ, אין דער סובסטאַנץ, וועלכע איז דאָס, וואָס יעדער איינער פאַרשטייט אונטער דעם אויסדרוק גאָט.

שפּינאָזאַ האָט נישט אַריבערגעטראָגן גאָט, דעם באַשאַפער און באַוועגער פון דער וועלט, פון דרויסן אינעווייניק אין דער וועלט, נאָר פאַרקערט, ער האָט אַריינגעזעצט די גאַנצע וועלט, די גאַנצע פון דעם מענטשנס גייסט אַרומגענומען=ווערנדיקע נאַטור אין דער סובסטאַנץ, וועלכע איז אין אַ זין אַ איבער=נאַטור. אַלץ, וואָס ריינגלט אַרום דעם מענטשן אין זיין טאָג=טעגלעכערווירקלעכקייט און אין זיין שיר=השירים=דיקסטער פאַנטאַזיע, אינגאַנצן מיט דעם מענטשן גופא, איז בלויז אַ פאָדעם אָדער פעדעמל אין דער אייביקער נעץ פון געטלעכקייט.

די וועלט אָדער די נאַטור און אַלץ אין איר איז געוואָרן אויף אַזאַ אופן נישט קיין שאַפונג אָדער אויסדרוק פון גאָט, נאָר אַ טייל פון אים אָדער אַן אָנזיכט זיינער.

דאָס איז דער טייטש פון אַזעלכע זאַצן אין דער „עטיק", ווי:

1) אַ חוץ גאָט קאָן קיין סובסטאַנץ נישט זיין און נישט באַגריפן ווערן;

2) אַלץ וואָס איז, איז אין גאָט, און אָן גאָט קאָן קיין זאַך נישט זיין

און נישט באַגריפן ווערן; 3) קיין זאַך אין דער נאַטור איז נישט צופעליק, אַלץ איז באַשטימט אויף אַ געווויסן אופן צו עקסיסטירן און צו ווירקן פון דער נויטווענדיקייט פון דער געטלעכער נאַטור; 4) די אינטעלעקטועלע ליבע פון דעם גייסט צו גאָט איז גאָטס ליבע זעלבסט, וואָס מיט איר ליבט גאָט זיך גופא, נישט אויף אַזוי ווייט ווי ער איז אומענדלעכער, נאָר אויף אַזוי ווייט ווי ער קאָן דערקלערט ווערן דורך דער תּמצית פון דעם מענטשלעכן גייסט, וואָס ווערט באַטראַכט אונטער דער פאָרם פון אייביקייט. מיט אַנדערע ווערטער, די אינטעלעקטועלע ליבע פון דעם גייסט צו גאָט איז אַ טייל פון דער אומענדלעכער ליבע, וואָס מיט איר ליבט גאָט זיך גופא.

אָן דער דאָזיקער אימאַנענץ האַלט זיך אויך דער פילאָסאָף אַ. בערגסאָן.

אויך ער שטעלט זיך פאָר דעם גאַנצן וועלטאַל, דעם אַלץ־אַרומנעמענדן אוניווערס, אין דער פאָרם פון איין־און־איינציקער גייסטיקער ענערגיע, און מחוץ פון דער דאָזיקער איין־און־איינציקער אוניווערסאַל־גייסטיקער מאַכט און קראַפט איז קיין זאַך נישט פאַראַן אַ חוץ אַ פרייער רוימלאָזער צוזונפּט, אין וועלכער דער אוניווערס דויערט.

בערגסאָנס באַגריף וועגן דער שייכות פון דער מאַטעריע צו דעם גייסט איז נישט דער זעלבער, וואָס שפּינאָזאָס.

שפּינאָזא האָט געזען אין דער מאַטעריע אַ פאַרשיידענעם אָנזיכט פון דער וועלט־סובסטאַנץ, וועלכער לויפט פּאַראַלעל צו דעם גייסטיקן אָנזיכט פון דער זעלבער סובסטאַנץ. בערגסאָן זעט אין דער מאַטעריע אַ רו־צושטאַנד פון דעם וועלט־גייסט אָדער וועלט־סובסטאַנץ, אַ צעשטרייאונגס־מאָמענט צווישן די שאַפונגס־מאָמענטן, וועלכע זענען פול מיט קאָנצענטרירטקייט און אָנגעשטרענגטקייט.

מיט דער דאָזיקער דערזעונג האָט אָבער בערגסאָן בלויז פאַרשטאַרקט דעם מאָניזם אין דער אימאַנענץ. מחמת זיין בילד וועגן דער שייכות צווישן מאַטעריע און גייסט מאַכט אַ סך מער, ווי שפּינאָזאָס בילד, באַגרייפלעך און מעגלעך די רעדוצירונג פון מאַטעריע און גייסט צו איין־און איינציקן קוואַל פון איבער־גייסט, וואָס פון אים זעצט אַרויס מאַטעריע און גייסט. און איבער־גייסט מיינט נישט מער ווי גייסט אין דעם מאָמענט פון דער העכסטער אינטענסיוויטעט, אין דעם מאָמענט, ווען די שאַפונג

פון וועלטאַל־קראַפט דערגרייכט איר אָנגעשטרענגטסטע קאָנצענטרירטקייט און אָנגעלאָדנקייט.

און דער דאָזיקער שטאַרקער מאָגיזם, וואָס אין זיין ספּירימועלער געשטאַלט מוז ער זיין אימאַנענט, אָדער פּאַרקערט, די דאָזיקע אימאַנענץ, וואָס קומט צו איר פולסטן אויסדרוק אין דעם מאָניסטישן ספּירימואַליזם, איז, ווי אונז דאַכט זיך, אַ פּראָדוקט און אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג און פאַרטיפונג פון דעם ייִדישן גייסט.

פון אַלע קולטור־אויסדריקן האָט אין דעם ייִדישן פאָלק זיך אַמשטאַרקסטן דורכגעזעצט דער עטישער אויסדרוק פון דער קולטור. און קיין אויסדרוק פון דער קולטור טרייבט נישט אַזוי שטאַרק, ווי דער עטישער אויסדרוק, צו אַ געפיל פון אַן אינטימער באַציהונג מיט דער העכסטער קראַפט אין דער וועלט. קיין אויסדרוק שטאַרקט נישט אין דעם מענטשן אַזויפיל, ווי דער עטישער אויסדרוק, דעם געפיל, אַז יעדער ריר און באַוועגונג פון דעם איך, יעדער באַוואוסטזיניקער שריט זיינער מוז האָבן אַ זין, אַ ווערט און באַדייט. און קיין זאַך קאָן נישט געבן די מענטש־לעכע וועגן און מעשים אַזויפיל זין, ווערט און באַדייט, ווי אַ קאָנקרעטע באַציהונג צווישן דעם מענטשן און דער מהות פון דער וועלט, און קאָן נישט מאַכן דעם מענטשן פאַר אַזאַ אמת־ווירדיקן זעלבסט, ווי דער געפיל, אַז דער מענטש איז איינס מיט גאָט, אַז דער מענטש און אַלץ אַרום דעם מענטשן איז אינעווייניק אין גאָט, און אַז בלויז אַן אמת עטישע דערהויבונג, אַן אמת גייסטיקע פאַרטיפונג און פאַרשטאַרקונג מצד פון דעם מענטשן קאָן פירן צו אַזאַ אָדער אַן אַנדער פאַרשטענדניש אָדער צונויפרעדונג צווישן דעם מענטשלעכן זעלבסט און דעם זעלבסט פון גאָט.

דער דאָזיקער, וואָס איך וואָלט אָנגערופן „עטישיזם“, איז שוין, דעריבער, אויך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס די גאָט־דערקענטעניש האָט געטראָגן ביי דעם ייִדישן פאָלק אַזאַ ממשותדיקן און נאַטירלעכן כאַראַקטער. אויף צו רעדן מיט גאָט, אויף צו זען גאָט פּנים אל פּנים פאָדערט זיך בלויז אַ מאָראַלישע השלמה און אַן עטישע געלייטערטקייט. דער מענטש דאַרף בלויז אין זיין פאַנטאַזיע זיך אַוועקטראָגן אין די העכסטע הימלען אַריין, כדי ער זאָל קאָנען זיך צונויפטרעפן מיט דעם האַר פון אַלע וועלטן. נישט קערפּערלעך, נאָר בלויז גייסטיק, און נישט אין אַ ממשותדיקן זין, נאָר בלויז אין אַ מעטאַפאָרישן זין דאַרף דער מענטש

פאַרלאָזן די ערד, אויף צו דערזען גאָטס לויטערקייט, אויף צו שפּירן זיין גרויסקייט און ערלעכקייט און אויף צו באַהעפטן זיך מיט אים אַזוי, אַז דער אָנפיר פון דער וועלט זאָל באַקומען אַ זין און אַ צוועק, און דאָס מענטשלעכע לעבן — אַ ווערט.

און דערפאַר אפשר איז דער פילאָסאָפישער אַבסאָלוטיזם אין זיין דערקענטעניש=טעאָרעטישער פאָרם געקומען צו זיין שטאַרקסטן אויסדרוק ביי די צוויי גרעסטע יידן=פילאָסאָפן — שפּינאָזאַ און בערגסאָן.

דאָ קומען מיר צום צווייטן שטריך, וואָס פאַרייניקט דעם שפּינאָזיזם און דעם בערגסאָניזם.

ביידע, אי שפּינאָזאַ אי בערגסאָן, נעמען אָן, אַז די רעאַליטעט פון דער וועלט קאָן פון דעם מענטשן דערקענט ווערן אין איר אַבסאָלוטהייט.

אמת טאַקע, אַז גאָט פון שפּינאָזאַס שטאַנדפּונקט איז אומענדלעך, און דערפאַר האָט ער אַן אומענדלעכע צאָל אַטריבוטן, פון וועלכע מיר ווייסן בלויז צוויי און דאָס זענען: רוימלעכע אויסגעשפּרייטקייט אָדער מאַטעריע און רוימלאָזע געדאַנקלעכקייט אָדער גייסט. גאָטס וועזנטלעכקייט, אָבער, וואָס די כאַראַקטעריסטישע שטריכן אירע זענען אַבסאָלוטהייט, אומענדלעכקייט און אייביקייט, געפינט איר אויסדרוק אין יעדן איינציקן אַטריבוט פון גאָט. דער מענטש ווידער איז ביכולת, אויב אים ווילט זיך עס זייער שטאַרק, צו באַגרייפן די וועלט אונטער דער פאָרם פון אייביקייט, און דער אייביקייט=שטריך שליסט דאָך איין אין זיך אויך די שטריכן פון אַבסאָלוטהייט און אומענדלעכקייט; ממילא איז דערפון געדרונגען, אַז דער מענטש קאָן אין אַ געוויסן מאָמענט דערקענען גאָטס מהות אָדער די רעאַליטעט פון דער וועלט אויף אַן אַבסאָלוטן אופן.

אַליז, וואָס פאָדערט זיך פאַר דער אַבסאָלוטער דערקענטעניש פון דער רעאַליטעט, סיי לויט שפּינאָזאַן, סיי לויט בערגסאָנען, איז אַ פאַרטיפונג פון דעם מענטשן אין זיין אייגענעם זעלבסט, אַ צוריקציִהונג פון דער אויסנווייניקסטער וועלט מיט איר רעש און געפילדער, מיט איר צייטווייליקער ניצלעכקייט און פּראַקטישקייט, מיט איר פאַרבייגייענדיקער אומאַלירימעט און צוועקמעסיקייט.

און ווער עס קאָן גאָר באַווייזן אַריינצוציִען זיך אין דער אינעווייניקסטער וועלט, אין דער וועלט, וואָס אין איר פאַרנעמט דאָס דויערהאַפטע דאָס אָרט פון דעם פאַרבייגייענדן, די ספּעקולאַציע דאָס אָרט

פון דער פּראַקטישקייט, די ווערטפולקייט דאָס אָרט פון דער ניצלעכקייט; ווער עס קאָן נאָר מיט אַ גענינגדער אָנגעשטרענגטקייט אַראָפּלאָזן זיך אין די טיפענישן פון זיין זעלבסט אָדער אויפצוהויבן זיך צו דער העכסטער שטייגערונג פון זיין גייסט, דער ווערט באַהערשט פון דער העכסטער און טיפסטער דערקענטעניש, וואָס דורך איר אַנטפּלעקט זיך די רעאַליטעט.

אי שפּינאָזא, אי בערגסאָן, רופן־אָן אַזאַ דערקענטעניש אינטוּ־איטיווע דערקענטעניש. זי, די דאָזיקע אינטואיטיווע דערקענטעניש, ברענגט עס דעם מענטשן צו דעם מהות פון דער רעאַליטעט, גיסט אים מיט איר צונויף און מאַכט מעגלעך פאַר אים צו שפּירן דעם פּולס פון וועלט־גייסט אין זיין גאַנצער אַבסאָלוטהייט.

שפּינאָזא איז נישט געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אַרויסגע־בראַכט דעם באַגריף פון אינטואיציע. אַן אָנדייטונג אויף אים האָבן מיר שוין ביי סאָקראַטן. אויף אַ ברייטן און טיפן אופן האָט אים אַרויסגע־בראַכט פּלאָטינוס.

שפּינאָזא איז אָבער געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַראָפּגעריסן פון דער אינטואיציע אַלערליי מיסטעריעזע שלייערס און האָט זי אויף אַ גאַנץ קלאָרן און ראַציאָנאַלן אופן אַוועקגעשטעלט העכער איבער דער פאַרנונפט און ראַציאָ. און בערגסאָן איז דער ערשטער פון די נאָך־שפּינאָזא־פילאָסאָפן, וועלכער האָט צוריקגעבראַכט אויף דער פילאָסאָפי־שער אַרענע די אינטואיציע, און נאָך מער פאַר שפּינאָזאן האָט ער באַוויזן צו געבן איר אַ ריין־וויסנשאַפטלעכע גרונדלאַגע און צו מאַכן זי, די דאָזיקע אַלט־באַקאַנטע אינטואיציע, פאַר דעם איינציקן געצייג פון דעם אמת־פילאָסאָפישן דענקען, פאַר דעם סינע־קוואַ־נאָן פון דער מעטאַ־פיזיק. אין דער אייגענער צייט נעמט נישט אַרויס בערגסאָן די אינטואיציע פון די מעגלעכקייטס־גרענעצן פון יעדן איינציקן מענטשן, וועלכער איז פעיק אויף אַ ביסל גייסטיקער אָנשטרענגונג און זעלבסטפאַרטיפונג.

בערגסאָן לאָזט דער אינטואיציע שלאָגן אירע וואָרצלען אין דעם אינסטינקט פון די לעבעדיקע ברואים. שוין אין דער אינסטינקטיווער דערקענטעניש דערזעט בערגסאָן אַ טיפקייט, וואָס איבערשטייגט די טיפ־קייט פון וועלכער־עס־איז ראַציאָנאַלער אָדער לאָגישער דערקענטעניש. די לאָגיק אָדער די פאַרנונפט האָט געהאָלפן דעם מענטשן צו טרייבן זיין דערקענטעניש אין דער ברייט. און די ברייטקייט פון דער לאָגישער

דערקענטעניש האָט פאַרהאַנדלט די אינסטינקטיווע דערקענטעניש אין אַן אינטואיטיווער. אויף אַזאַ אופן איז די אינטואיטיווע דערקענטעניש געוואָרן אַ דערקענטעניש, וואָס אַנטשטייט אין דעם מאָמענט, ווען אַלע אויסדריקן פון דעם מענטשלעכן גייסט פאַלן צונויף אַלע איניינעם — אין דעם מאָמענט, ווען דער ווילן גיסט זיך צונויף מיט די געפילן און זיי ביידע מיט דער פאַרנונפט. זיי אַלע דריי איניינעם, ווידער, ברענגען צום מענטשן אַ זעונג און אַ שפּירונג, וואָס קיינער פון זיי באַזונדער קאָן נישט געבן.

אַזאַ זעונג און אַזאַ שפּירונג שאַפט אַן אַרטיסטישן און מעטאַ־פיזישן אַריינבליק אין דער רעאַליטעט, וואָס קאָן אויף טויזנטער אופנים אויסגעברייטערט ווערן דורך דעם שטודיום פון דער לאָגיק און פון דער מיט לאָגיק אָפּערירנדער וויסנשאַפט, וואָס קאָן אָבער נישט פון קיין לאָגיק און פון קיין וויסנשאַפט געגעבן ווערן.

אַלע טיפע אַריינבליקן אין דער רעאַליטעט, וואָס האָבן אַנטפּלעקט צו דער מענטשהייט די סודות פון דער נאַטור, זענען געקומען, דענקט בערגסאָן, אויף אַן אינטואיטיוון אופן. זיי אַלע אָבער, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דעם טראַכטן פון דער וועלט אַלס גאַנצעס, זיי אַלע, וואָס האָבן געוואָלט דערגיין דעם מקור און דעם ענדציל פון דער וועלט, זענען נישט געווען געגנוג באַוואוסטזיניק אויף דער קראַפט פון דער אינטואיציע, וואָס האָט געאַרבעט אין זיי. אַלץ, וואָס בערגסאָן וויל, איז, אַז די מענטשן זאָלן ווערן מער באַוואוסטזיניק אויף דער דאָזיקער אינטואיטיווער קראַפט, און דער דאָזיקער באַוואוסטזיין גופא וועט שטאַרקן און רעגן די אינטו־איציע, און אַ דאַנק דעם וועט שטייגן די קינסטלערישע פאַנטאַזיע און די מעטאַפיזישע ספּעקולאַציע, און איניינעם מיט זיי — דער קולטור־שוואונג פון דעם מענטשן בכלל.

II

די אימאַנענץ, דער סוביעקטיווער דערקענטעניש־טעאָרעטישער אַבסאָלוטיזם, און דער פון מיסטעריע ריינער מיסטיציזם, וואָס כאַראַקטעריזירן די פילאָסאָפיע פון שפינאָזא אַזוי גוט ווי פון בערגסאָן, האָבן געפירט ביידע יידישע פילאָסאָפן אַזוי גוט, ווי דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, צו דעם אינדיווידואַליזם. דאָס איז אַן אינדיווידואַליזם, וועלכער וויל נישט וויסן פון קיינע רעזיגנאַציעס, און וועלכער וויל נישט זען אין דער זעלבסטפייניקונג אַ מיטל פאַר דער דערלייזונג. פאַר דעם דאָזיקן אינדיווידואַליזם איז די לייד נישט דער איינציקער וועג, וואָס פירט צו דער געטלעכקייט.

אויף וויפיל מיסטיציזם באַטייט אַ באַהעפטונג אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער וועג מיט דער אוניווערסאַלער געטלעכער קראַפט, אויף אַזויפיל נאַטירלעך איז די לערע פון שפינאָזא, אַזוי גוט ווי די לערע פון בערגסאָן, דורכגעדרונגען מיט מיסטיק. אויך דער שטריך פון אינטואיציע פאַרייניקט די דאָזיקע לערעס מיט דער מיסטיק, וועלכע האָט אַלע מאָל באַטראַכט די אינטואיציע פאַר איר אינטימסטן אויסדרוק.

אויף וויפיל אָבער שפינאָזא און בערגסאָן האָבן געמאַכט די אינטואיציע צוגענגלעך פאַר יעדן איינציקן מענטשן, אויף וויפיל זיי האָבן אַרויסגעשיילט זי פון אַלע איבערנאַטירלעכקייטן, פון אַלע וואונדער, פון אַלע ספּאָנטאַנע, פון הימל זיך אַראָפּלאָזנדיקע מיסטעריעס, אויף אַזויפיל איז זייער מיסטיציזם אַנדערש פון דעם, וואָס ווערט געוויינטלעך פאַרשטאַנען אונטער מיסטיציזם.

קודם כל פאָדערט נישט זייער מיסטיציזם קיין רעזיגנאַציע, קיין אַגרעסיוון קאַמף מיט מענטשלעכע באַגערן און לײדנשאַפטן, קיין פאָרויסבאַשטימטע, סיסטעמאַטישע און שטענדיק־אָנהאַלטנדיקע אונטערדריקונג פון קערפּערלעכע באַקוועמלעכקייטן און פאַרגעניגנס. נאָך וויניקער באַ־

שטייט זייער מיסטיציזם אויף דער אייגענער אַניהילירונג פון דעם זעלבסט-אין גאָמען פון וועלכע עס איז אַנדערע אידעאַלן, אָדער לשם וועלכן עס איז קאָלעקטיוו פון זעלבסטן.

פאַרקערט, שפינאָזאַ אין זיין „עטיק" באַשטייט אויסדריקלעך דע-רויף, אַז די גרעסטע און העכסטע אויפגאַבע פון אַ לעבעדיקן וועזן אויף דער דאָזיקער וועלט איז צו אַנטוויקלען זיין זעלבסט אין פאַרלויף פון זיין ערדישער עקזיסטענץ ביז צו דעם שטאַרקסטן גראַד. עס איז דער חוב פון יעדן איך אָדער זעלבסט צו זוכן יעדע מעגלעכקייט און יעדע געלעגנ-הייט אויף צו קומען צו זיין פולסטן אויסדרוק.

פאַר דעם דאָזיקן געדאַנק זענען כאַראַקטעריסטיש דערהויפּט די פאָלגנדיקע דריי זאַצן אין דעם פערטן טייל פון דער „עטיק": 1) קיינער קאָן נישט באַגערן גליקלעך צו זיין, גוט צו האַנדלען און גוט צו לעבן, ווער עס באַגערט נישט צוגלייך איבערהויפּט צו זיין, צו האַנדלען און צו לעבן, מיט אַנדערע ווערטער, אַקטועל צו עקזיסטירן. 2) קיין טוגענט קאָן נישט באַגריפן ווערן פריער פאַר דער דאָזיקער — נעמלעך, פאַר דעם באַשטרעב צו זעלבסטדערהאַלטונג. דאָס שטרעבן צו זעלבסטדערהאַלטונג איז די ערשטע און איינציקע גרונדלאַגע פון טוגענט. 3) צו האַנדלען אַבסאָלוט טוגענטהאַפט איז קיין אַנדער זאַך נישט אין אונז, ווי צו האַנדלען, צו לעבן אָדער צו דערהאַלטן דעם אייגענעם זיין אין איינקלאַנג מיט די געבאָטן פון דער פאַרנונפט אויף דעם גרונט פון דעם זוכן, וואָס ניצלעך איז פאַר זיך זעלבסט.

דאָס פייניקן פון דעם גוף בלויז לשם פייניקן זיך ווערט פון שפי-נאָזאַן באַטראַכט פאַר אַן אומזין אָדער פאַר אַ פאַרברעך. און נישט ווייניקער אומזין און נישט ווייניקער פאַרברעך איז מצד פון איינעם זיך אָפּצוזאָגן פון זיין גליק, פון זיין וואוילזיין, פון זיינע אַלע פאָרשטייענדיקע איבערלעבונגען צוליב דעם גליק, וואוילזיין און אַלערליי איבערלעבונגען פון דעם אַנדערן, אָדער אפילו פון אַ סך אַנדערע — זאָל זיין אפילו פון אַ גאַנץ פאָלק, אָדער אַ גאַנצער מענטשהייט, ווי דאָס פאָדערט, למשל, דער געוויינטלעכער אַלטרואיזם.

פון שפינאָזאָס שטאַנדפּונקט האָט דער אַלטרואיזם אַ זין נאָר יע-מאָלט, ווען עס ווערט קלאָר און שאַרף פאַרשטאַנען, אַז דער ענדציל זיינער, ווי אויך זיין אויסגאַנג-פּונקט, איז דער אייגענער אַלץ-איינשליסנדיקער

איך אָדער דער טיפער זעלבסט. יעמאָלט אָבער איז דאָס שוין אין דער אמתן נישט קיין אַלטרואיזם, נאָר אינדיווידואַליזם.

דאָס צוריקציען זיך פון אַלערליי צייטווייליקע פאַרגעניגנס און דאָס אָפּפערן מיט אַלץ פאַר אַנדערע האָט אַ זין נאָר יעמאָלט, ווען עס ווערט געטאָן צוליב דער העכערער אַנטוויקלונג און גרינטלעכערער פאַרטיפונג פון דעם זעלבסט, וואָס עס פאַרמאָגט דער, וואָס פייניקט זיך, אָדער דער, וואָס איך זיך מקריב פאַר דעם אַנדערן אָדער אַנדערע.

און דערפאַר באַשטייט שפינאָזא זייער שטאַרק דערויף, אַז אַן עמאָציע און אַ ליידנשאַפט קאָן באַזיגט ווערן בלויז דורך אַן אַנדער עמאָציע און דורך אַן אַנדער ליידנשאַפט. דער שכל און די פאַרנונפט העלפן דעם איך צו דערזען די וועלט אונטער אַן אַנדער פאָרם — אונטער דער פאָרם אַ שטייגער פון אייביקייט. אַזאַ דערזעונג שטאַרקט און פאַרטיפט און טרייבט־אָן דעם וואוקס פון דעם זעלבסט און פון דעם איך, און אויף אַזאַ אופן אַנטוויקלט ער אַנדערע עמאָציעס, אַנדערע ליידנשאַפטן־עמאָציעס און ליידנשאַפטן פון אַ מאָראַל־העכערן און עסטעטיש־שענערן גראַד. די דאָזיקע הויכגראַדיקע עמאָציעס און ליידנשאַפטן שטאַרקן זיך איבער די עמאָציעס און ליידנשאַפטן פון דעם נידעריקערן מין און מיט דער צייט פאַרטרייבן זיי די נידעריקערע פאַרלאַנגען און באַגערן גאָר אינגאַנצן.

דער דאָזיקער גאַנצער קאַמף, אָבער, אין דעם נאָמען טאַקע פון דעם סאַמע העכסטן „איך", פון דעם סאַמע הימלישסטן זעלבסט, און אין דעם ליכט פון דער אייביקייט, גייט אָן דאָ אויף דער ערד אין דעם קורצן צייט־לויף פון יעדן איינציקן מענטשנס־עקזיסטענץ. און היות ווי די ערד איז איינגעשלאָסן אין דער געטלעכער סובסטאַנץ, און היות ווי יעדע צייט־רגע איז איינגעשלאָסן אין דער אומענדלעכער אייביקייט, מוז דעריבער יעדער מאָמענטאַלסטער ריר פון יעדן איינציקן זעלבסט אין יעדן ווינקעלע פון דער ערד האָבן אַן אייביקן און אַן אַבסאָלוטן ווערט.

קורץ איז דעם מענטשנס לעבן דאָ אויף דער וועלט, אָבער בשום אופן נישט צופעליק, איין רינגעלע בלויז אין דער אומענדלעכער קייט פון דער אוניווערסאַלער עקזיסטענץ, אַ רינגעלע אָבער, וואָס קאָן נישט אויס־געשלאָסן ווערן פון דער אומענדלעכקייט; איין טראָפּעלע בלויז אין דעם גרויסן ים פון דויערהאַפטיקייט — אַ טראָפּן אָבער, וואָס פאַרמאָגט נישט

ווייניקער אומענדלעכקייט, ווי דער ים גופא, מחמת די אייביקייט און די דויערהאפטיקייט באציען זיך אויף דעם גאנצן אזוי גוט ווי אויף זיינע טיילן: צייטווייליקייט, נאך אלעמען, איז דאך נישט מער ווי א קורצזיכ־טיקער געזיכטספונקט פון דער אייביקייט.

מיר וועלן דאָ ברענגען בלויז איניקע פון די זאצן אין דער „עטיק“, וואָס אין זיי דריקט זיך אוים דער אינדיווידואליזם, וועלכער כאראקטע־ריזירט די פילאָסאָפיע פון שפינאָזאַ און דעם גייסט פון דעם יידישן פאָלק:

1) אויף אזוי ווייט, ווי א זאך שטימט צונויף מיט אונזער נאטור, איז זי, אויף א נויטווענדיקן אופן, גוט.

2) לוסט אן און פאר זיך איז נישט שלעכט אָדער גוט. אומלוסט דאגעגן איז אן און פאר זיך שלעכט.

3) רחמנות אין א מענטשן, וואָס לעבט לויט דער לייטונג פון דער פארנונפט, איז אן און פאר זיך שלעכט און אומניצלעך.

4) א פרייער מענטש דענקט ווייניקער פאר אלץ וועגן טויט, און זיין חכמה איז דאָס נאָכדענקען נישט וועגן טויט, נאָר וועגן דאָס לעבן.

5) ווער עס דערקענט זיך גופא און זיינע עמאָציעס, ליבט גאָט, און אלץ מער, וואָס מער ער דערקענט זיך גופא און זיינע עמאָציעס.

פאר דעם שטריך אין שפינאָזאס פילאָסאָפיע, וועלכן מיר באמיען זיך דאָ ארויסצוברענגען, איז פון אומגעהויערער באדייטונג דער פאָל־גנדיקער לעצטער זאץ אין דער „עטיק“:

„די גליקזעליקייט איז נישט דער שכר פאר טוגענט, נאָר די טוגענט גופא, און מיר פרייען זיך מיט איר נישט דערפאר, וואָס מיר קאָנטראָלירן אונזערע תאוות, נאָר, פארקערט, ווייל מיר פרייען זיך מיט איר, זענען מיר ביכולת צו קאָנטראָלירן אונזערע תאוות“.

און היות, ווי אמת פרייען זיך מיט דער טוגענט קאָן נאָר דער, וואָס ליבט גאָט, און היות ווי ליבן גאָט קאָן נאָר דער, וואָס האָט זיין זעלבסט אָדער זיין אינדיווידואליטעט אנטוויקלט ביז דעם שטארקסטן, העכסטן און טיפסטן גראד, ממילא קומט אוים, אז אלע מענטשלעכע אָדער אפילו איבערמענטשלעכע באשטרעבונגען, דערגרייכונגען און אויספירונגען מוזן שלאָגן זייערע וואָרצלען אין דעם באָדן פון אינדיווידואליזם.

בערגסאָן האָט נאָכגישט געגעבן דער וועלט זיין עטישע סיסטעם.

שפּורן, אָבער, פון דער דאָזיקער סיסטעם קאָן שוין זען יעדער איינער, וואָס האָט זיך פאַרטיפט אין זיין נאַטור־פילאָסאָפיע.

גענוג איז זיך צו דערמאָנען מיט וואָס פאַר אַן ענטוזיאַסטישן אָפּטימיזם בערגסאָן רעדט וועגן די מעגלעכקייטן פון דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער ראַסע. גענוג איז צו זען, ווי אין זיין בליק אויף דער צוקונפט, וואָס איז פול מיט עקסטאַז, דערגייט בערגסאָן ביז צו דער האָפנונג, אַז דער מענטש זאָל דעם טויט באַזיגן, אַז מען זאָל זיין זיכער, אַז אויך ער וועט זיך איינשטעלן פאַר דעם, אַז גליקזעליקייט און אמתע פרייד האָבן נישט גויטיק אַ וועלכן עס איז פרייוויליקן און אויסגערעכנטן אָפּזאָגן־זיך פון דעם ערדישן לעבן.

פאַר דער העכסטער גליקזעליקייט ווי פאַר דער טיפסטער פרייד איז גענוג בלויז צו שפּירן די גייסטיקע מהות פון דער רעאַליטעט און מיט־צופילן מיט די אוניווערסאַלע זיגן פון דעם גייסט איבער דער מאַטעריע. דער זעלבסט דאַרף זיך בלויז דערפילן אַלס אַן אָנטיילנעמער אין דער באַשאַפנדיקער אַנטוויקלונג פון דער וועלט, אום צו דערגרייכן די טיפסטע טיפענישן פון אַלערליי גייסטיקע איבערלעבונגען.

אַזאַ שפּירונג, אַזאַ איבערלעבונג, אַזאַ מיטפּיל מאַכט אונז אמת זייער אָפּט צו פאַרגעסן אָן דער ערד און אָן דער ערדישקייט מיט איר באַגרענעצטקייט און צייטווייליקייט, און אין די דאָזיקע מאָמענטן שפּירט דער מענטש אַן איבערמענטשלעכע פרייד און אַן איבערמענטשלעכע גליק־זעליקייט. די דאָזיקע מאָמענטן אָבער דאַרפן אויסגענוצט ווערן אַלס אינ־ספּיראַציעס און אָנרעגונגען אין דעם קאַמף פאַר אַ ווירדיקערן מענטשלעכן לעבן טאַקע דאָ אויף גאָטס זינדיקער ערד, אין דעם קאַמף פאַר אַ לעבן, וואָס זאָל די פאַנטאַסטישע אָדער וויזיאָנערע איבערמענטשלעכקייט אין אַ ווירקלעכקייט פאַרוואַנדלען.

אין דעם זין איז בערגסאָן פונקט ווי שפּינאָזאַ אַ רעאַליסט.

זיי ביידע ווילן נישט דערלאָזן דערצו, אַז וועלכער עס איז טייל פון דעם וועלטאַל, אָדער וועלכער עס איז פאַקט אָדער געשען אין דער וועלט זאָל אָנגענומען ווערן ווי אַן אילוזיע, ווי אַן אויסטראַכטונג אָדער צוטראַכ־טונג פון דעם מענטשלעכן געדאַנק, פון דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע, וועלכע אין דער אמתן שלאָגט נישט קיינע וואָרצלען אין דער אייביק־זייענ־דיקער אָדער אומאויפהערלעך־דויערנדיקער רעאַליטעט.

דאָס אומבאַלעבטע און דאָס אומבאַוואוסטע איז פון שפּינאָזאַס אַזוי גוט ווי פון בערגסאָנס שטאַנדפּונקט אַן אָרגאַנישע געשטאַלטונג פון דער רעאַליטעט; נישט מער, וואָס בעת שפּינאָזא זעט אין דער דאָזיקער געשטאַלטונג אַן אָנזיכט, אַן עסענץ־אויסדרוק פון דער סובסטאַנץ, זעט בערגסאָן אין איר אַ רו־צושטאַנד אָדער אַ צעשטרייאונגס־מאָמענט פון דער זעלבער געטלעכער סובסטאַנץ אָדער סובסטאַנציעלער געטלעכקייט.

ביידע, אָבער, נעמען אָן, אַז וואו נאָר די רעאַליטעט מאַניפעסטירט זיך אין דער געשטאַלטונג פון זעלבסטבאַוואוסטזיין, דאָרט ווערט מעגלעך פאַר דעם זעלבסט מיט זיין באַוואוסטזיין דורכצונעמען די רעאַליטעט, אויב נישט אין דער ברייט איז אין דער טיף; דאָרט ווערט מעגלעך פאַר דעם זעלבסט צו ווערן מאָמענטנווייז איינס מיט דער רעאַליטעט, און צו דערשפּירן, אַז ער איז אַ ניצוץ־אלוה ממעל, אַ פונק פון דעם אייביק־ברענענדן פייער, אָדער אַ פראַגמענט פון דער ראַקעטע, וואָס פון איר ווערן אויף אַן אומאויפהערלעכן אופן אָן אַ שיער וועלטן אַרויסגעשאָסן. און יעמאָלט איז דער מענטש אין פולסטן זין פון וואָרט נהנה מזיו השכינה, יעמאָלט האָט דער מענטש אמת הנאה פון גאָטס אַבסאָלוטהייט, אומענדלעכקייט, אייביקייט אָדער דויערהאַפטיקייט, מחמת דורך דעם דערפילט ער זיין אייגענע אומענדלעכקייט, אייביקייט אָדער דויערהאַפטיקייט, וועלכע גיבן זיין לעבן אַן אָנהאַלט, אַ זין און אַ ווערט.

דער עקסטרעמער דעטערמיניסט שפּינאָזא און דער נישט ווייניקער עקסטרעמער אינדעטערמיניסט בערגסאָן גיבן מיט זייער אימאַנענט־רעאַליסטישער פילאָסאָפיע אָן אַ שיער מעגלעכקייטן און געלעגנהייטן דעם מענטשן צו שטייגן פון זיין רעלאַטיוו באַגרענעצטער און צייטווייליקער מענטשלעכקייט ביז צו דער אַבסאָלוטער, אומבאַגרענעצטער און אייביק־דויערנדיקער איבערמענטשלעכקייט.

די רעלאַטיוויטעט און צייטווייליקייט גופא פון דעם מענטשן, אַזוי גוט ווי פון דער היה, ווי פון אַלץ אפילו, וואָס לעבט נישט — קורץ, אפילו אַלץ ערדישעס, אַזוי צו זאָגן, וואָס דאָס מוז דער מענטש אַריבערשטייגן, בכדי דאָס הימלישע צו דערגרייכן, איז אויך אַן אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל פון דעם גאַנצן. דער זין פון דעם זיין, דער באַטייט פון דער עקזיסטענץ פון יעדער זאַך באַזונדער ליגט איינגעשלאָסן אין דער עקזיסטענץ פון דעם גאַנצן.

אין די אינטערעסן פון דער רעאַליטעט אַלס גאַנצעס פאָדערט זיך דאָס זיין און דאָס געשען פון דעם חיהשן און פון דעם מענטשלעכן, פון דעם שלעכטן און פון דעם גוטן, פון דעם נאַרישן און פון דעם קלוגן און פון אַלע אַנדערע הפּוכים און סתירות, פּונקט אַזוי גוט ווי עס פאָדערט זיך אין די זעלבע אינטערעסן דער קאַמף פאַר דאָס איבערמענטשלעכע, פאַר דאָס בעסטע, פאַר דאָס גליקסטע, וואָס אַלץ צוזאַמען מיינט עס אַ קאַמף פאַר דאָס העכערע און אַ שטרעבונג צו דעם זיג פון דעם העכערן איבער דעם נידעריקן. דאָס איז דער טייטש פון פּראָגרעס. און דאָס, זאָגט אונז בערגסאָן, איז דער באַטייט פון עוואָלוציע. דאָס איז דער זין און באַטייט, וואָס דער אָפּטימיזם, וועלכער איז איינגעשלאָסן אויף אַ נויט־ווענדיקן אופן אין אַן אימאַנענט־רעאַליסטישן ספּיריטואַליזם, גיט־צו דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דעם וועלטאַל.

מיר וועלן דאָ איבערגעבן ווערטערלעך די לעצטע פאַר זייטלעך, מיט וועלכע בערגסאָן שליסט זיין בוך „באַשאַפנדע עוואָלוציע“, וועלכע באַציען זיך אויף דער פראַגע פון עוואָלוציע.

„אויף אַזאַ אופן“, — זאָגט בערגסאָן, — „פירט אונז אַריין די פילאָסאָפיע אין דעם לעבן פון גייסט, און זי ווייזט אונז אין דער אייגענער צייט די שייכות פון דעם לעבן פון גייסט צו דעם לעבן פון קערפּער. דער גרויסער טעות פון די דאָקטרינען וועגן גייסט איז באַשטאַנען אין זייער אידעע, אַז דערמיט, וואָס דאָס גייסטיקע לעבן ווערט איזאָלירט פון אַלעם איבעריקן, דערמיט, וואָס מען לאָזט אים הענגען אין רוים, אַזוי הויך ווי נאָר מעגלעך איבער דער ערד, שטעלט מען אים אַוועק פון יענער זייט פון דער מעגלעכקייט אַטאַקירט צו ווערן. אין דער אמתן אָבער האָבן זיי אים דערמיט אַרויסגעשטעלט אייגפאַך צו דער געפאַר פון באַטראַכט צו ווערן ווי אַ פּועל־יוצא פון אַ מיראַזש! זיכער האָט מען אַ רעכט זיך צוצוהערן צו דעם געוויסן, ווען דער געוויסן באַאַט מענטשלעכע פרייהייט; פאַראַן אָבער אין דער אייגענער צייט דער אינטעלעקט, וועלכער זאָגט, אַז די אורזאַך באַשטימט איר ווירקונג, אַז די ענלעכקייט פון באַדינגונגען פאָדערט, אַז אַלץ זאָל איבערגעחזרט ווערן, און אַלץ זאָל געגעבן ווערן. מען האָט אַ רעכט צו גלויבן אין דער אַבסאָלוטער רעאַליטעט פון דער פּערזענלעכקייט און אין זיין אָפּהענגיקייט בנוגע צו דער מאַטעריע; איז אָבער פאַראַן אַ וויסנשאַפט, וואָס ווייזט דעם צווישנהאַנג צווישן דעם

באוואוסטזיניקן לעבן און דער אַקטיוויטעט פון דעם מאַרד. מען האָט אַ רעכט צוצושרייבן צו דעם מענטשן אַ פּריווילעגירטן אָרט אין דער נאַטור, אָנצונעמען, אַז די דיסטאַנץ צווישן דער חיה און דעם מענטשן איז אַן אומענדלעכע; איז אָבער פאַראַן ווידער די לעבנס־געשיכטע, וואָס פירט דורך פאַר אונזערע אויגן די אַרויסשטאַמונג פון מינים דורך אַ שטופנווייזער אומגעשטאַלטונג, און אויף אַזאַ אופן, זעט אויס, פאַר־פולשטענדיקט זי ווידער דעם מענטשן אין דער אַנימאַליטעט. ווען אַ שטאַר־קער אינסטינקט פאַרזיכערט די מעגלעכקייט פון השארת־הנפש, האָבן רעכט די, וואָס ווילן זיך צוהערן צו דער שטים פון דעם דאָזיקן אינ־סטינקט; אויב אָבער עס עקזיסטירן „נשמות", וואָס זענען פעיק צו פירן אַן אומאָפּהענגיקן לעבן, פון וואַנען קומען זיי? ווען, ווי אַזוי און פאַר וואָס טרעטן זיי אַריין אין דעם דאָזיקן קערפּער, וואָס, ווי מיר זעען, אַנטשטייט אויף אַ גאַנץ נאַטירלעכן אופן פון אַ געמישטער צעלע, וועלכע נעמט זיך פון די קערפּער פון זיינע צוויי עלטערן? די דאָזיקע אַלע פראַגן וועלן בלייבן אומפאַרענטפערט, אַ פילאָסאָפיע פון אינטואיציע וועט זיין אַ פאַרניינונג פון וויסנשאַפט, און וועט פריער אָדער שפּעטער אָפּגע־ווישט ווערן פון דער וויסנשאַפט, אויב זי איז נישט אַנטשלאָסן צו זען דאָס לעבן פון קערפּער פונקט דאָרט, וואו ער איז אין דער ווירקלעכקייט, און דאָס איז אויף דעם וועג, וואָס פירט צו דעם לעבן פון גייסט. יעמאָלט וועט זי שוין נישט האָבן מער צו טאָן מיט באַשטימטע, לעבעדיקע באַשע־פעניש. דאָס לעבן אַלס גאַנצעס, פון דעם אָנפאַנגלעכן אָנשטויס אָן, וואָס האָט אים אין דער וועלט אַריינגעוואָרפן, וועט אויסזען ווי אַ וואַל, וואָס הויבט זיך אויף און ווערט געשטערט פון דער אַראָפּצו־גייענדיקער מאַ־טעריע. אויף דעם גרעסטן טייל פון זיין אויבערפלאַך, אויף פאַרשיידענע הויכן, ווערט דער שטראָם אין אַ ווירבל־שטראָם פון דער מאַטעריע אומ־געוואַנדלט. ביי איין פונקט בלויז גייט ער דורך פריי, מיטשלעפנדיק מיט זיך די הינדערניש, וועלכע וועט זיך לייגן שווער אויף זיין פאָרטשריט, אָבער זי וועט אים נישט אָפּשטעלן. ביי דעם דאָזיקן פונקט איז די מענטשהייט. דאָס איז אונזער פריווילעגירטע סיטואַציע. פון דער אַנדערער זייט איז דער דאָזיקער אין דער הויך זיך אויפהויבנדער וואַל — באַוואוסט־זיין, און ווי יעדער באַוואוסטזיין שליסט ער אין זיך איין מעגלעכקייטן אָן אַ שיער, וועלכע דרינגען דורך איינע די אַנדערע, און וואָס פאַר זיי

פֿאָלגלעך פּאַסט זיך נישט, נישט די קאַטעגאָריע פֿון אײנהײט און נישט
די קאַטעגאָריע פֿון פֿילהײט, דען בײדע קאַטעגאָריעס זענען געמאַכט
געוואָרן פֿאַר דער אינערטישער מאַטעריע. בלויז די מאַטעריע, וואָס דער
באַוואוסטזײַנס=וואַל טראָגט מיט מיט זיך און וואָס אין זײַנע צווישן=
שפּאַלטן זעצט ער זיך אַרײַן, קאָן אים צעטײלן אין באַשטימטע אינדיווי=
דואַליטעטן. פֿאָרוועדטס פֿליסט דער שטראָם, דורכלויפֿנדיק מענטשלעכע
דורות, פֿאַנאַנדערטײלנדיק זיך גופֿא אין אינדיווידן. די דאָזיקע אונטער=
אָפּטײלונג איז אויף אַן אומקלאָרן אופֿן אָנגעדײַטעט געוואָרן אין אים,
זי האָט אָבער נישט געקאָנט קלאָר געמאַכט ווערן אָן מאַטעריע. אויף אַזאַ
מין אופֿן ווערן אומאויפֿהערלעך געשאַפֿן נשמות, וועלכע האָבן, פֿונ=
דעסטוועגן אין אַ געוויסן זין עקזיסטירט פֿון פֿריער אָן. זײ זענען קײן
אַנדער זאַך נישט ווי די קלײנינקע טײַכעלעך, וואָס אויף זײ טײלט זיך
פֿאַנאַנדער דער גרויסער טײַך פֿון לעבן, בעת ער פֿליסט דורך דעם
קערפּער פֿון דער מענטשהײט. די באַוועגונג פֿון שטראָם איז פֿאַרשײדן
פֿון דעם טײַך=דעק, הגם זי מוז אָננעמען זײַן שלענגלדיקן לויף=וועג; דער
באַוואוסטזײַן איז פֿאַרשײדן פֿון דעם אָרגאַניזם, וועלכן ער באַלעבט, הגם
ער מוז זיך אונטערוואַרפֿן צו זײַנע אומענדערונגען. היות ווי די מעגלעכע
אַקטיוויטעטן, וואָס אַ באַוואוסטזײַנס=צושטאַנד דײַטעט אָן, הויבן=אָן
אויסגעפֿירט ווערן צו יעדן מאָמענט אין די צענטרן פֿון די נערוון, דעריבער
אונטערשטרײַכט דער מאַרך אויף יעדן מאָמענט די באַוועגונגס=אָנדײַ=
טונגען פֿון דעם באַוואוסטזײַנס=צושטאַנד; דערמיט אָבער ענדיקט זיך די
געגנזײַטיקע אָפּהענגיקײט צווישן באַוואוסטזײַן און מאַרך; דער שיקזאַל
פֿון באַוואוסטזײַן איז צוליב דעם נישט געבונדן מיט דעם שיקזאַל פֿון
דער מאַטעריע, וואָס געהערט צום מאַרך. ענדלעך איז דער באַוואוסטזײַן
אין זײַן תּוך פֿרײַ; ער איז די פֿרײַהײט גופֿא; ער מוז אָבער זיך אָפּזעצן
און זיך גופֿא צופּאַסן צו דער מאַטעריע, בעת ער גײט דורך דורך איר.
די דאָזיקע צופּאַסונג איז אינטעלעקטואַליטעט; און דער אינטעלעקט, ווען
ער דרײט זיך אויס צוריק צו דעם אַקטיוון, דאָס הײסט, צו דעם, אַזוי צו
זאָגן, פֿרײַען באַוואוסטזײַן, מאַכט ער נאַטירלעך דעם באַוואוסטזײַן אַרײַנ=
צוטרעטן אין די באַגריפֿס=פֿאָרמען, וואָס אין זײ, ווי ער איז עס געוואוינט
צו זען, פּאַסט זיך אַרײַן די מאַטעריע. ער וועט דעריבער אַלע מאָל באַ=
גרײַפֿן פֿרײַהײט אין דער פֿאָרם פֿון נויטווענדיקײט. ער וועט אַלע מאָל

פאַרזען דעם טייל פון נייקייט, פון באַשאַף, וועלכער איז איינגעבאָרן אין דער פרייער האַנדלונג. אָנשטאָט דער האַנדלונג גופא וועט ער אַלע מאָל געבן אַ קינסטלעכע אומגעפעריקע אימיטאַציע, וועלכע באַקומט זיך, ווען מען זעצט צונויף דאָס אַלטע מיט דעם אַלטן, דאָס זעלבע מיט דעם זעלבן. אויף אַזאַ אופן ווערן, אין די אויגן פון אַ פילאָסאָפיע, וואָס פרוווט פון דאָס ניי איינצוזאַפּן דעם אינטעלעקט אין דער אינטואיציע, פאַרשווינדן פיל שוועריקייטן, אָדער זיי ווערן קלאָר און ליכטיק ווי דאָס ליכט גופא. נישט נאָר אָבער פאַרלייכטערט אַזאַ דאָקטרין די מעטאַפיזישע ספּעקולאַציעס, נאָר זי גיט אונז אויך מער קראַפט צו האַנדלען און צו לעבן, מחמת מיט איר פילן מיר זיך שוין נישט מער איזאָלירט אין דער מענטשהייט; די מענטשהייט זעט נישט אויס צו זיין מער איזאָלירט אין דער נאַטור, וועלכע זי דאָמינירט. ווי דאָס קלענסטע קערנדל שטויב איז צונויפגעבונדן מיט אונזער זון=סיסטעם און ווערט מיט איר געשלעפט אין יעדער אומגעטיילטער באַוועגונג, וואָס פירט ריקווערטס אָדער אין דער נידער, און וועלכע איז די מאַטעריאַליטעט גופא, אַזוי זאָגן עדות אַלע אָרגאַניזירטע וועזנס פון די נידעריקסטע ביז די העכסטע, פון די ערשטע התחלות פון לעבן ביז צו דער צייט, אין וועלכער מיר געפינען זיך, אַז עס איז פאַראַן אַן איין=און=איינציקער אָנטרייב, וועלכער איז די אַנטקעגנגעזעצטע באַוועגונג פון דער מאַטעריע, און איז אין זיך גופא אומטיילבאַר. אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן האַלטן זיך איינאיינעם, און אַלע גיבן זיי זיך אונטער דעם מורא'דיקן אָנשטויס. די חיה שטעלט זיך אַוועק העכער איבער דער פלאַנץ, דער מענטש שפּרייזט אַריבער די חיה, און די גאַנצע מענטשהייט אין רוים און אין צייט איז איין אומגעהויערע גרויסע אַרמיי, וואָס גאַלאָפּירט נעבן אונז, פאָרויס פון אונז, און הינטער אונז, אין אַן אַלץ איבערוועלטיקנדן אָנגריף, און איז בכח ביייצוקומען יעדן ווידערשטאַנד און גובר צו זיין אַלע מניעות, אפשר דעם טויט אפילו".

III

מיר האָבן זיך ערלויבט צו ברענגען אַזאַ לאַנגע ציטאַטע, מחמת מיר גלויבן, אַז אין די אויבן־געבראַכטע פּאָר זייטלעך שפּיגלט זיך אַמבעסטן אָפּ דער שוואונג פון בערגסאָנס דענקען און מיט אים ווערט אַמשטאַרקסטן און אַמפולסטן אויסגעדריקט די טענדענץ און דער אינ־האַלט פון זיין בליק אויף דעם מענטשן און אויף אַלץ, וואָס רינגלט אים אַרום אין דער ברייט און אין דער טיף.

מיר געפינען דאָ אָנדייטונגען אויף אַלע שטריכן, וואָס כאַראַקטע־ריזירן בערגסאָנס פילאָסאָפיע, סיי די שטריכן, וואָס פירן אים צונויף מיט שפּינאָזאַן, סיי די, וואָס שטעלן אים אין אַ דיאַמעטראַלער אַנטקעגנ־געזעצטקייט צו שפּינאָזאַן.

אין דעם, וואָס די מאַטעריע איז נישט מער ווי די ריקווערטס־באַוועגונג פון דעם אָריגינעלן אָנשטויס, וועלכער איז אין זיין עצם מהות לעבן און באַוואוסטזיין, פרייהייט און שאַפונג, פאַרנונפט און ווילן, געפיל און טאַט — קורץ, ספּיריטואַליטעט — אין דעם, מיט אַנדערע ווערטער, וואָס די מאַטעריע איז בלויז אַ צושטאַנד פון דער אוניווער־סאַלער קראַפט, זעען מיר דעם שאַרפסטן און שטאַרקסטן אויסדרוק פון דעם מאָניסטישן ספּיריטואַליזם, וועלכער איז אין זיין ריינער געשטאַלט געקומען צום ערשטן מאָל אויף דער וועלט מיט שפּינאָזאַן.

אין דעם, וואָס די מאַטעריע העלפט דעם גייסט צו אַ קלאָרערער און פעסטערער אינדיווידואַליזירונג און צו אַן אומאויפהערלעכער אָנ־שטרענגונג אַרויפצושטייגן און פריי זיך דורכצוברעכן און דורכצוזעצן אויף צו להכעיס אַלע מניעות, זעען מיר דעם מעטאַפיזישן רעאַליזם, וועלכער וויל האָבן אַ סאָלידן באַזיס ערגעץ־וואו אין דעם אוניווערס פאַר יעדן שיינעם, פאַרבנרייכן און איינגענעמען חלום, אילוזיע אָדער פאַנ־

טאַזיע, אַזוי גוט ווי פאַר דער מאוסטער העסלעכסטער און אָפּשטויסנדסטער חשובדיקער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט.

אויך דער דאָזיקער רעאַליזם, ווי מיר האָבן געזען, פעלט נישט ביי שפּינאָזאַן.

און דער איין־און־איינציקער אוניווערסאַלער אָנשטויס, וואָס שליסט אין זיך אַלץ איין, און אַליין איז ער אין קיין זאַך נישט איינגעשלאָסן, רעדט שוין אויך קלאָר וועגן דעם שפּינאָזאַ־בערגסאָן־שטריך, וואָס רופט זיך אימאַנענץ.

דער אָפּטימיזם ווידער, וואָס אָטעמט אַרויס פון די דאָזיקע זייטלעך, איבערשטייגט דעם אָפּטימיזם, מיט וועלכן די „עטיק" איז דורכגעדרונגען.

דער איין־און־איינציקער און אייביקער אָנשטויס, וואָס טרייבט־אָן די וועלט און וואָס אַנטהאַלט זיך אין זיין גאַנצער פולקייט אין יעדן איינציקן וועזן צו יעדן מאָמענט פון זיין עקזיסטענץ, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס די אַבסאָלוטע מאָראַליטעט, אָדער דער מאָראַלער אַבסאָלוטיזם, נעמט דורך אַזוי שטאַרק די פילאָסאָפישע סיסטעמען פון שפּינאָזאַ און בערגסאָן.

פון בערגסאָנס אָפּטער באַטאָנונג אין זיינע ווערק, אַז יעדעס איינציק לעבעדיק וועזן טראָגט צו יעדן מאָמענט פון זיין עקזיסטענץ די גאַנצע וועלטאַל־פאַרגאַנגענהייט מיט אים, איז קלאָר, אַז פון זיין שטאַנדפונקט האָט יעדע מענטשלעכע אָנשטרענגונג, יעדער מענטשלעכער אויפטו, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך די פערזענלעכקייט, יעדע איינציקע אויף אַלץ גרייטע איבערצייגונג, וועלכע איז אַ צונויפגוס־פּונקט פון דעם פילן, ווילן און טראַכטן — קורץ, יעדע ווירקונג און געגנווירקונג צווישן מענטש, גאָט און וועלט האָט אין יעדן מאָמענט פון דער אוניווערסאַלער עקזיסטענץ אַן אַבסאָלוטן ווערט, מחמת יעדער מאָמענט טראָגט אין זיך די קיין זאַך נישט־אויסלאָזנדע פאַרגאַנגענהייט אין איר גאַנצער אַבסאָלוטהייט, און יעדער צוקונפטיקער מאָמענט עקזיסטירט דאָך בלויז אין דער געשטאַלט פון אַ געגנוואַרטיקן מאָמענט, וועלכער שליסט־איין און נעמט־אַרום דעם גאַנצן עבר.

„דער דויער", זאָגט בערגסאָן, „איז דער אומאונטערבראָכענער פאָרטשריט פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע נאָגט די צוקונפט און פאַרגרעסערט זיך אויף איר פאָרווערטס־גייענדיקן מאַרשרוט. און ווי די פאַר־

גאַנגענהייט וואַקסט אָן אַן אויפהער, אַזוי איז אויך קיין גרענעץ נישט פאַראַן צו איר קאָנסערווירונג. זכרון, ווי מיר האָבן געפּרוּווט צו באַווייזן, איז נישט קיין פּעיקייט אַריינצולייגן ערינערונגען אין אַ שופלאַד, אָדער אַריינשרייבן זיי אין אַ רייסטער. נישטאָ נישט קיין רייסטער, נישט קיין שופלאַד; אין דער אמתן גערעדט, איז נישט פאַראַן אפילו קיין פעיקייט, מחמת אַ פעיקייט אַרבעט מיט הפסקות, ווען זי וויל און ווען זי קאָן, בעת די פאַרגאַנגענהייט ווערט אָנגעהויפט אויף דער פאַרגאַנגענהייט אָן אַן אָפּרו. די פאַרגאַנגענהייט ווערט אין דערווירקלעכקייט קאָנסערווירט דורך זיך גופא. וואָס זענען מיר, וואָס איז אין דער אמתן אונזער כאַראַקטער, אויב נישט די קאָנדענסירונג פון דער געשיכטע, וואָס מיר האָבן געלעבט פון אונזער געבורט אָן, נייִן, פאַר אונזער געבורט אפילו, מחמת מיר ברענגען דאָך מיט אונז נאָך פאַרגעבורטיקע נייגונגען. זיכער דענקען מיר מיט בלויז אַ קלינעם טייל פון אונזער פאַרגאַנגענהייט, מיר באַגערן אָבער, מיר ווילן און האַנדלען מיט אונזער גאַנצער פאַר־גאַנגענהייט, איינשליסנדיק די אָריגינעלע נייגונג פון אונזער נשמה".

אָט די דאַזיקע אומענדלעכע פאַרגאַנגענהייט, וואָס שליסט אין זיך אַלץ איין און אַליין איז זי זעלבסט אַנטהאַלטנד, ליגט אַוועק אין בערגסאָנס פילאָסאָפיע דעם באַזיס פאַר פיר פון די שטריכן, וואָס פאַרייניקן אים מיט שפּינאָזאַן. דאָס זענען די שטריכן פון מאָניזם, אַבסאָ־לוטיזם, רעאַליזם און אימאַנענץ.

אין בערגסאָנס באַנעם ווידער פון דער שייכות פון דעם אינדי־ווידועלן מענטשן צו דער פאַרגאַנגענהייט ליגט די גרונדלאַגע פאַר די אַנדערע שפּינאָזאַ־בערגסאָנישע שטריכן, וואָס אויך זיי האָבן מיר פריער באַטאָנט, און דאָס זענען: דער מיסטעריעלאָזער מיסטיציזם און דער אינדיווידואַליזם.

די פאַרגאַנגענהייט, וועלכע איז, אגב, (וואָס דאָס טאָרן מיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן, לייענענדיק שפּינאָזאַן אָדער בערגסאָנען) אין איר תּוך און תמצית ספּיריטואַליטעט פון אַזאַ אָדער אַן אַנדער געשטאַלטונג — די דאָזיקע פול מיט לעבן אָדער איבערלעבן, מיט באַוואוסטזיין אָדער איבער־באַוואוסטזיין פאַרגאַנגענהייט, וואָס שניידט זיך איין גאָר אָן אָפּ־שטעל און אָן אויפהער אין דער צוקונפט, רינגלט אַרום דעם מענטשן

פון אַלע זייטן, אָבער זי אַנטפּלעקט זיך נישט אין איר פולער גאַנצקייט
צו דעם באַוואוסטזיין, וועלכער זעצט זיך דורך דורך דעם מענטשנס מאַרך.
אין איר פולער גאַנצקייט שוועבט די פאַרגאַנגענהייט אין די
רעגיאָנען פון אונטער=באַוואוסטזיין אָדער אין די וועלטן פון דעם גרויסן
אומבאַוואוסטן. נאָר אין די מאָמענטן, ווען דער מענטש דורך אַן אויסער=
געוויינלעכער אָנשטרענגונג איבערשטייגט די באַגרענעצטקייט פון דער גע=
וויינטלעכער מענטשלעכקייט און דערהויבט זיך צו דער מדרגה פון צו
זיין ביכולת צו דערבליקן די אומענדלעכקייט און איבערמענטשלעכקייט,
נאָר אין די מאָמענטן, ווען ער פאַרלאָזט די מאָמענטאַלע ניצלעכקייט
און פאַרטיפט זיך אין דער אייביקער ווערטפולקייט, באַקומט ער אַן
אַנונג פון דער אַבסאָלוטער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע נעמט אַלץ אַרום
און ווערט פון קיין זאַך נישט אַרומגענומען. דאָס איז אַ מיסטישער בליק,
וואָס האָט הינטער זיך די אונטערשטיצונג פון דער וויסנשאַפט. און דער
דאָזיקער פילאָסאָפישער בליק, וואָס פאַר אים שטעלט זיך איצט איין
אויך דער נייער גרויסער רוסישער דענקער אוספּענסקי, שטויסט איצט
שטאַרק די פּסיכאָלאָגיע אין דעם שטודיום פון דעם אומבאַוואוסטן.
אָט פאַרוואָס דער דאָזיקער מיסטיציזם פאַרלירט איצט בכלל אין אַלץ,
וואָס איז ביז איצט פאַרשטאַנען געוואָרן אַלס איבערנאַטירלעכקייט אָדער
מיסטעריעזיקייט אין געגנזאַץ צו נאַטירלעכקייט און וויסנשאַפטלעכקייט.

די מעגלעכקייט פאַר דעם זעלבסטבאַוואוסטזיניקן אינדיוויד, וואָס
רופט זיך מענטש, צו קאָנען פון צייט צו צייט און אונטער געוויסע אומ=
שטענדן פאַרבינדן אויף אַ געוויסן אופן דאָס באַוואוסטזיניקע מיט דעם
אומבאַוואוסטן, וואָס איז אין דער אמתן אַ מין איבערבאַוואוסטזיין; די
מעגלעכקייט פאַר דעם איינצעלנעם זעלבסט צו דערשפּירן זיין אָנגעהערי=
קייט צו דעם אוניווערסאַלן זעלבסט, וואָס דורך איר באַקומט יעדע
באַזונדערע עקזיסטענץ אַ זין, און זיין אייגענע עקזיסטענץ אַ ווערט; די
מעגלעכקייט אַריינצוזעצן זיך אין די אייגנשאַפטן אָדער אַטריבוטן,
אין די אָנזיכטן אָדער אין די אָנבליקן פון דער אוניווערסאַלער קראַפט,
און דורך דעם צו דערזען יעדן איינציקן אויסדרוק, יעדן איינציקן פאַקט
און יעדן איינציקן געשען אין דער פאָרם פון אייביקייט און אומענדלעכ=
קייט, אָדער אין פאָרם פון אַ באַשטענדיק=דויערנדיקער קאָנטינואַליטעט—
אָט די דאָזיקע אַלע פון בערגסאָנישן שטאַנדפּונקט מעגלעכקייטן שאַפן

די גרונדלאַגן פאַר אַן אידיוווידואַליזם, וועלכער איז נאָך שטאַרקער אײדער דער אינדיווידואַליזם אין שפּינאָזאַס פילאָסאָפיע. און אויף וויפיל דער אינדיווידואַליזם איז שטאַרקער, אויף אַזויפיל איז דער אָפּטימיזם רעשיקער און וואַגנדיקער.

דער דאָזיקער אינדיווידואַליסטישער אָפּטימיזם אָדער אָפּטימיסטישער אינדיווידואַליזם צווינגט עס בערגסאָנען צו קומען צום שלוס, אַז אַן אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן די צוויי טעאָריעס — דער טעאָריע פון דערקענטעניש און דער טעאָריע פון לעבן — וועט אַריינברענגען מער אינטענסיווקייט און שנעלקייט אין דער אַרבעט פון צו דערגרונטעווען די טיפענישן פון דער לעבעדיקער און באַוואוסטזיינספולער רעאַליטעט.

און די טעאָריע פון לעבן פירט בערגסאָנען, ווי זי האָט געפירט דעם קינסטלער-דענקער פּרץ, צו דער איבערצייגונג, אַז

אין אונז שלאָגט אַ האַרץ,
די וועלט מוז האָבן אויך אַ האַרץ!

אין די טיפענישן פון דער עקזיסטענץ פון זיין אייגענעם זעלבסט געפינט בערגסאָן דעם שליסל צו דער אוניווערסאַלער עקזיסטענץ.

זיין בוך „באַשאַפנדע עוואָלוציע“ עפנט בערגסאָן אויף מיט זאָץ:
„די עקזיסטענץ, וואָס וועגן איר זענען מיר מער זיכער ווי וועגן אַלץ, און וואָס זי וויסן מיר אַמבעסטן, איז אָן צווייפל אונזער אייגענע, מחמת די באַגריפן, וואָס מיר האָבן וועגן יעדן אַנדערן געגנשטאַנד, קאָנען באַטראַכט ווערן אַלס אויסערלעכע און אויבערפלעכלעכע, די געוואָרוערונג אָבער וועגן אונז גופא איז אינעווייניק און טיף“.

און נאָך דעם, ווי דורך אַ טיפער פּסיכאָלאָגישער אינטראָספּעקציע, אָדער אַן אינטואיטיוון אַראָפּלאָזן זיך אין די תהומען פון זיין אייגענעם איך קומט ער צום שלוס, אַז פאַר אַ באַוואוסטזיניק וועזן צו עקזיסטירן מיינט זיך צו בייטן, און בייטן זיך מיינט צייטיק צו ווערן, און צייטיק צו ווערן הייסט אָנצוגיין אָן אַ סוף מיט דעם באַשאַף פון זיך גופא, טראָגט ער אַריבער דעם דאָזיקן באַדייט פון עקזיסטענץ אויף דעם גאַנצן אוניווערס אָדער אויף דער גאַנצער אוניווערסאַלער באַוואוסטזיינספולער קראַפט. און דערנאָך, ווידער, זעצט ער אַריין די זעלבע דויערנדיקע עקזיסטענץ אין יעדן אָרגאַניזם.

„דער אוניווערס אַלס גאַנצעס“ — זאָגט בערגסאָן, — „און ווי

יעדער באַוואוסטזיניק ווען באַזונדער, אַזוי אויך איז יעדער אָרגאַניזם וואָס לעבט, אַ זאַך וואָס דויערט". אויף אַזאַ אופן באַקומט יעדע אינדי-ווידואַליטעט אַן אוניווערסאַלן באַדייט און די אוניווערסאַליטעט ווערט אַ זיך-זעלבסט-פאַרורזאַכנדיקע זעלבסטקייט, וואָס אין איר, מיט איר און דורך איר שאַפט זיך אַ זין פאַר דער עקזיסטענץ פון יעדן אינדיווידו און אַ ווערט פאַר דעם זיין פון יעדער פערזענלעכקייט, וועלכע איז אַן אוממיטלבאַרער אויסדרוק פון דעם אוניווערסאַלן זעלבסט.

דעם זעלבן קרייז פון סוביעקטיוויזם און אינדיווידואַליזם צו אוני-ווערסאַליזם און צוריק פון אוניווערסאַליזם צו סוביעקטיוויזם און אינדי-ווידואַליזם געפינען מיר אויך ביי שפינאָזאַן, ווי עס ווייזן די פאָלגנדיקע עטלעכע בלויז גרונדזאַצן און אויסדריקן, וועלכע זענען צעוואָרפן אין דער לענג און אין דער ברייט פון דער „עטיק".

1) יעדע אידעע, וועלכע איז אונז אַבסאָלוט, אָדער אדעקוואַט און פולקאָמען, איז אמת.

2) ווער עס האָט אַן אמתע אידעע, ווייס אין דער אייגענער צייט, אַז ער האָט אַן אמתע אידעע, און ער קאָן נישט צווייפלען אין דער זאַך, וועלכע ער ווערט געוואָר.

3) יעדע אידעע פון יעדן קערפּער, אָדער פון יעדער איינער ווירקלעכער עקזיסטירנדיקער זאַך, שליסט איין אויף אַ נויטווענדיקן אופן די אייביקע און אומענדלעכע תמצית פון גאָט.

4) דער מענטשלעכער גייסט האָט אַן אדעקוואַטע דערקענטעניש פון דער אייביקער און אומענדלעכער תמצית פון גאָט.

5) אונזער העכסטער גליק און גליקזעליקייט באַשטייט אויס-שליסלעך אין דער דערקענטעניש פון גאָט.

6) אין גאָט איז פאַראַן אויף אַ נויטווענדיקן אופן אַן אידעע, וועלכע דריקט אויס די עסענץ פון דעם אָדער יענעם מענטשלעכן קערפּער אונטער דער פאָרם פון אייביקייט.

7) דער מענטשלעכער גייסט קאָן נישט אַבסאָלוט צעשטערט ווערן מיט דעם קערפּער, נאָר עס בלייבט פון אים עפּעס וואָס איז אייביק.

אַן אוניווערסאַליטעט אַלזאָ, וואָס מיט דער הילף פון אַ רעאַליסטי-שער מיסטיק אַנטפּלעקט זיך צו אונז אויף אַן אוניווערסאַליסטיש-אידיווי-דואַליסטישן אופן אין דער געשטאַלט פון אַן אַבסאָלוט-מאָניסטישער און

אימאַנענטער ספּירימואַליטעט — דאָס איז דאָס וועלטאַל־בילד, וואָס כאַראַקטעריזירט די פילאָסאָפיע פון שפינאָזא, אַזוי גוט ווי פון בערגסאָן. אַזאַ בליק אויף דער רעאַליטעט איז, לויט אונזער מיינונג, אויך דער פילאָסאָפישער באַשטאַנד־טייל פון דעם ייִדישן גייסט, דאָס איז אויך דער בליק, וואָס אין אים האָט דער יידישער גייסט זיין ספּעציפישן אויסדרוק געפונען. און אויף אַזוי פיל, דענקען מיר, זענען שפינאָזא און בערגסאָן די עכטע רעפּרעזענטאַנטן פון דעם יידישן גייסט אויף דעם געביט פון פילאָסאָפיע.

ערשט אויף דעם דאָזיקן, לויט אונזער מיינונג, גיבראַלטאַר־שטאַרקן פונדאַמענט פון ענלעכקייט צווישן די לערעס פון שפינאָזא און בערגסאָן דערהויבט זיך דער פראַכטפול־שיינער בנין פון אַנטקעגנגעזעצטקייט צווישן די זעלבע לערעס — אַ בנין, וואָס אין אים מערקט זיך שוין אויך זייער שטאַרק דער אָפּקלאַנג פון דעם פראַנצויזישן אַקאָרד. דאָס איז דער אָפּקלאַנג פון דער עסטעטיק, וואָס איז אַמשטאַרקסטן צום אויסדרוק געקומען אין דעם פראַנצויזישן פאָלק.

IV

די עסטעטיק שטעלט אַלע מאָל דעם טראָפּ אויף דעם שאַפן מער־ווי אויף דעם זיין אָדער ווערן.

שפּינאָזאַ האָט איינגעשלאָסן די וועלט אין אַן אומענדלעך אויס־געשפּרייטער אייביקייט. ער האָט געלאָזט אַלץ אין דער וועלט אַרויס־קומען „פון דעם אייביקן דעקרעט פון גאָט מיט דערזעלבער נויטווענ־דיקייט, ווי עס פאָלגט פון דער עסענץ פון אַ דרייעק, אַז אַלע דריי ווינקלען זענען גלייך צו צוויי רעכטע ווינקלען". די צוקונפט, אַזוי גוט ווי די געגנוואַרט, און די געגנוואַרט אַזוי גוט ווי די פאַרגאַנגענהייט, זענען אַלע איינגעשלאָסן אין איין און איינציקער צייט־אויסגעשפּרייטקייט, וואָס האָט נישט קיין אָנהויב און האָט נישט קיין סוף, און וואָס איר האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן אייביקייט. אַלץ, וואָס געשעעט, אַלץ וואָס ווערט פאַר אונזערע אויגן, איז נישט מער, ווי אַ צייטווייליקער בליק, אַ קורצ־זיכטיקע אָריענטירונג אין דעם אייביקן און אומענדלעכן זיין. די רעאַלי־טעט אין איר עצם מהות וועט אַלע מאָל זיין דאָס, וואָס זי איז געווען, און געווען איז זי אַלע מאָל דאָס, וואָס זי איז, און פאַר אַן אויג, וואָס וואָלט געקאָנט אַרומנעמען די אַבסאָלוטהייט, וואָלט די פאַרגאַנגענהייט, געגנוואַרט און צוקונפט זיך צונויפגעגאָסן אין אַ ריינעם קרישטאָל־דורכ־זיכטיקן זיין. און דאָרטן, וואו עס איז נישט פאַראַן קיין ווערן, איז דאָך קיין בעסער ווערן אָדער אַנדערש ווערן אַודאַי נישט שייך, און דערפאַר־זאָגט טאַקע שפּינאָזאַ, אַז פאַר אים איז רעאַליטעט און פולקאָמענהייט איינס און דאָס זעלבע.

בערגסאָנען געפעלט נישט די אומענדלעך־אויסגעשפּרייטע איי־ביקייט פון שפּינאָזאַן. אָנשטאָט אַן אוניווערסאַלע אייביקייט, דערבליקט ער מיט זיין אינטואיציע אַן אוניווערסאַלן דויער, אָנשטאָט אַ סובסטאַנ־

ציעלן זיין, דערבליקט ער אַז אומאויפהערלעכן באַשאַפונגס־פּראָצעס פון דער אַלוועלטלעכער מהות.

נישט נאָר מיט דעם זיין, נאָר אפילו מיט דעם ווערן שטעלט זיך בערגסאָן נישט צופרידן. ער גייט אַזוי ווייט ווי אַרייצובערענגען אַ רעוואָ־לוציע אין דעם עפּאָכע־מאַכנדיקן באַגריף אפילו פון עוואָלוציע. די וועלט על־פּי בערגסאָן מאַכט נישט נאָר דורך אַן אַרויסוויקלונגס־פּראָצעס; געשעענישן אין דער וועלט זענען פון זיין שטאַנדפּונקט נישט בלויז רעזולטאַטן פון די כחות, וואָס ליגן פון אייביק ביז אייביק פאַרבאַהאַלטן אויף אַן אומזיכטבאַרן צו אונז אופן אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון דער וועלט־סובסטאַנץ. קיינער פון די ביז־איצטיקע אָנגעגעבענע פאַק־טאָרן און נישט אַלע פאַקטאָרן איניינעם גענומען דערקלערן, לויט זיין מיינונג, אַלע ענדערונגען, אַלע קאָמפּליצירטקייטן און אַלע פּראָגרעסיווע ווענדונגען, וואָס שטעלן צונויף דאָס, וואָס איז געגעבן אונטער דעם נאָמען פון עוואָלוציע.

און דורכנעמענדיק די גאַנצע ביאָלאָגישע וויסנשאַפט געפינט ער, ווי אים דאַכט זיך, גענוג מאַטעריאַל פאַר דער באַשטעטיקונג פון זיין השערה, צו וועלכער ער איז געקומען אויף אַן אינטואיטיוו־דעדוקטיוון אופן, און דאָס איז די השערה, אַז דער וועלט־אַל אָדער די אוניווערסאַלע מהות מאַכט דורך אַ באַשאַפנדע עוואָלוציע.

נישט נאָר, אַלזאָ, ווערן זאַכן אַרויסגעבראַכט מכח אל הפּועל, נאָר מאַקע שפּאָגל נייע כחות ווערן אויף אַן אומאויפהערלעכן אופן געשאַפן אין דער וועלט, און דאָס איז דער טייטש פון דעם פּסוק: „ד י ו ע ל ט ד ו י ע ר ט“. און דער טייטש פון גייסט איז שאַפונג, און דעם זעלבן טייטש האָט אויך לעבן. גייסט, לעבן און שאַפונג זענען כמעט אידענטיש איינע מיט די אַנדערע. זיי אַלע זענען דער וועלט־מהות אָדער גאָטס מאָמענטן פון אינטענסיווער און קאָנצענטרירטער געשפּאַנטקייט. מאַ־טעריע ווידער איז קיין אַנדער זאַך נישט ווי צעשטרייאונגס־מאָמענטן פון דער געטלעכער סובסטאַנץ, אָדער געטלעכער פערזענלעכקייט — מאָמענטן פון גלייכגילטיקער אָפּגעלאָזנקייט.

„דער אוניווערס“, זאָגט בערגסאָן, „איז נישט עטוואָס, וואָס איז שוין געמאַכט, נאָר ער ווערט געמאַכט אָן אַן אויפהער. ער וואַקסט פּילייכט אויף אַן אומבאַגרענעצטן שטייגער, דורך דעם חבור פון נייע וועלטן“,

און גאָט, על פּי בערגסאָן, איז אומאויפהערלעכער לעבן, אַקטיוויטעט און פרייהייט.

גאָט, אַזוי גוט ווי דער אוניווערס, און אַלץ אין דעם אוניווערס, דויערט און צו דויערן מיינט צו שאַפן פון דאָס ניי אין קעגנזאַץ צו דעם זיין פון אייביק ביז אייביק.

„דער ווירקלעכער דויער איז דער דויער, וואָס אין אים פּליסט יעדע פאָרם אַרויס פון די פריערדיקע פאָרמען, צוגעבנדיק צו זיי אין דער זעלבער צייט עפּוואָס נייעס. די נייע פאָרם ערקלערט די אַלטע פאָרמען נישט ווייניקער, ווי זי ווערט פון זיי דערקלערט. אַרויסצודרינגען אָבער די דאָזיקע פאָרם אויף אַן אוממיטלבאַרן אופן פון איין פולשטענדיק וועזן, וואָס דורך איר, נעמען מיר אָן, מאַניפעסטירט ער זיך, מיינט צוריקצוגיין צו דעם ספּינאָזיזם. עס מיינט מיט לייבניצן און שפּינאָזאן צו לייקענען, אַז דער דויער האָט וועלכע עס איז ווירקזאַמע אַקטיוויטעט".

אָט אויף דעם דאָזיקן פּונקט פון ווירקזאַמער אַקטיוויטעט ווי אַן איינגעשאַפּט פאַר־עקסעלאַנץ פון דער רעאַליטעט, אָדער פון דער רעאַלער געטלעכקייט, גייט זיך בערגסאָן אַמשטאַרקסטן פאַנאַנדער נישט נאָר מיט לייבניצן און שפּינאָזאן, נאָר אויך מיט דעם ריז פון דער נייער פילאָסאָפיע — קאַנטן, ווי אויך מיט די גרעסטע פון דער נאָך־קאַנטיאַנישער תקופה.

דערמיט, וואָס קאַנט האָט די גאַנצע מאַטעריעלע וועלט, וועלכע איז איינגעוואָרצלט אין רוים, אַריינגעזעצט איניינעם מיט דעם רוים אין דעם מענטשלעכן געדאַנק, און האָט אויף אַזאַ אופן די גאַנצע נאַטור, און זי, אין קלאַמערן האַלטנדיקע געזעצמעסיקייט, געמאַכט אַרויסשטראַלן פון דעם מענטשלעכן גייסט — מיט דעם אַלעם שטימט בערגסאָן פולקאָם איין. אים פאַרדריסט, אָבער, וואָס קאַנט האָט נישט דערשפּירט אין זיך קיין אַנדער צייט אַחוץ דער אַזוי גערופענער אַבסטראַקטער צייט, וועלכע איז פּונקט אַזוי הויל, ליידיק און דורכזיכטיק, ווי דער רוים גופא, און פאַרמאָגט נישט אין זיך קיין ברעקעל מער ווירקלעכע און ווירקזאַמע אַקטיוויטעט אײדער שפּינאָזאַס אייביקייט. נישט שפּירנדיק די קאָנ־קרעטע צייט, וועלכע לויפט נישט ווי די אַבסטראַקטע צייט פּאַראַלעל צו דעם רוים, נאָר וועלכע ליגט אין גאָר אַנדערע אײדער דער רוים רעגיאָנען, נישט שפּירנדיק, מיט אַנדערע ווערטער, דעם דויער, וועלכער

איז די אינטענסיוו־שאַפנדיקע באַוועגונג און נישט, ווי דער רוים, אויס־געשפּרייטע צוריקגעצויגנקייט פון רו־צושטאַנדן, האָט קאַנט געמוזט אַוועקשטעלן אַן אומענדלעכע אין דער טיף און אין דער הויך וואַנט צווישן דער רוימיזירטער מענטשלעכער דערקענטעניש און דער רעאַליטעט, וואָס איז פון יענער זייט רוים.

„די פּאַקטן“ — זאָגט בערגסאָן — „ווערן לויט קאַנטן אויסגע־שפּרייט אויף איין פּליין מיט דער זעלבער שנעלקייט, מיט וועלכער זיי אַנטשטייען; זיי זענען אויסעווייניק איינע צו די אַנדערע און אויסעווייניק צו דעם גייסט. וועגן אַ דערקענטעניש פון אינעווייניק, וואָס וואָלט געקאָנט באַנעמען די פּאַקטן, בעת זיי שפּרינגען אַרויס אָנשטאָט צו נעמען זיי נאָך דעם, ווי זיי זענען שוין אַרויסגעשפּרונגען; וועגן אַ דערקענטעניש, וואָס וואָלט געגראָבן אונטער דעם רוים און אונטער דער רוימיזירטער צייט, איז ביי קאַנטן קיינמאָל קיין פראַגע נישט געווען. אין דער ווירק־לעכקייט אָבער פאַרזעצט אונז אונזער באַוואוסטזיין אונטער דעם דאָזיקן פּליין; דאָרט פליסט דער אמתער דויער“.

דער דויער און דער רוים, אָדער די רוימיזירטע צייט, די אַב־סטראַקטע און די קאָנקרעטע צייט זענען ביידע אָרגאַנישע באַשטאַנד־טיילן פון דער רעאַליטעט, פּונקט ווי די אינטואיציע און דער אינטעלעקט זענען עלעמענטן אָדער אָנשטרענגונגען פון איינעם און דעמזעלביקן מענטשלעכן גייסט. דער דויער און דער רוים זענען צוויי אַנטקעגנגעזעצטע באַוועגונגען פון דעם אוניווערסאַלן גייסט אָדער צוויי אַנטקעגנגעזעצטע צושטאַנדן, וואָס ביידע צוזאַמען טרייבן זיי אָן דעם פּול מיט שאַפונג אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער וועלט. פאַרלאָזן מיר זיך בלויז אויף דעם אינטעלעקט, זעען מיר בלויז איין צושטאַנד פון דעם וועלט־גאַנג, און אונזער דער־קענטעניש מוז זיין, ווי קאַנט האָט געדענקט, רעלאַטיוו. ווערן מיר אָבער באַוואוסט אויף דער אינטואיציע, וואָס אַרבעט אין אונז, דערבליקן מיר אַנטוועדער אַן אייביקן זיין, וואָס האָט נישט מער ווי איין צושטאַנד, אָדער דעם אומאויפהערלעכן דויער מיט זיינע אַנטקעגנגעזעצטע צו־שטאַנדן. אויף יעדן פאַל דערבליקן מיר די מהות פון דער וועלט און אונזער דערקענטעניש ווערט, ווי שפּינאָזא האָט געדענקט, אַבסאָלוט.

דער דאָזיקער באַגריף וועגן מאַטעריע און גייסט, רוים און דויער, אינטעלעקט און אינטואיציע, ווי וועגן צוויי קעגנגעזעצלעכע באַוועגונגען

אָדער צושטאַנדן און געמיטן פון דעם אוניווערסאַלן און מענשלעכן גייסט, טוען אויף צוויי זאַכן.

פון איין זייט פאַרשטאַרקט אַזאַ באַגריף דעם מאָניזם דערמיט, וואָס ער מאַכט, ווי מיר האָבן דאָס שוין פריער אָנגעדייטעט, מער באַגרייפלעך דאָס צוריקברענגען פון מאַטעריע צו גייסט און די פאַרוואַנדלונג און צונויפגיסונג פון זיי ביידן אין איין-און-איינציקן שטראָם, וואָס פליסט פון איין און איינציקן קוואַל — פון דער אוניווערסאַל-שאַפנדיקער אָדער אומאויפהערלעכער דויערנדיקער און אַלץ אויספילנדיקער פערזענלעכקייט, דאָס הייסט, פון גאָט.

פון דער צווייטער זייט פאַרשטאַרקט דער דאָזיקער באַגריף די אָנטקעגנגעזעצטקייט פון די קוואַליטעטן און פונקציעס פון דער מאַטעריע און פון גייסט, און עס ווערט אויף אַזאַ אופן מעגלעך פאַר בערגסאָנען אַרויסצוטרעטן קעגן דער שטאַל און אייזן אייגנהייטלעכקייט און געזעצמעסיקייט פון שפּינאָזא און אַנדערע, און צו באַפרייען די מאַטעמאַטיק פון דער אוניווערסאַלער אָנווענדבאַרקייט, אין וועלכער שפּינאָזא און אַנדערע האָבן זי ווי אין קייטן געשמידט.

שפּינאָזא האָט זיך אָנגעשטרענגט ביז גאָר אויף אַריינצוזעצן אין די ראַמען פון דער מאַטעמאַטיק, אין די ראַמען פון דער אוניווערסאַלער געזעצמעסיקייט די געפילן, די ליידנשאַפטן און אַלערליי עמאָציעס פון דעם מענטשן, אַזוי גוט ווי אַלערליי דערשיינונגען און געשעענישן פון דער באַלעבטער און אומבאַלעבטער נאַטור.

„די נאַטור“, — זאָגט אונז שפּינאָזא, — „איז תמיד די זעלבע און אומעטום איז זי איינע און די זעלבע אין איר ווירקזאַמקייט און מאַכט צו האַנדלען, דאָס הייסט, אַז די געזעצן און פאַראָרדנונגען פון דער נאַטור, וואָס דורך זיי קומען אַלע זאַכן פאָר און וואָס דורך זיי בייטן זיי זיך פון איין פאָרם אין אַן אַנדערער, זענען אומעטום און שטענדיק די זעלבע. אַזוי אַז עס מוז זיין איינער און דער זעלבער מעטאָד פון צו פאַרשטיין די נאַטור פון יעטווידער זאַך, נעמלעך, דורך די אוניווערסאַלע געזעצן און רעגלען פון דער נאַטור. אויף אַזאַ אופן פאָלגן פון דער זעלבער נויטווענדיקייט און ווירקזאַמקייט פון דער נאַטור די ליידנשאַפטן פון האַס, כעס, קנאה און אַזוי ווייטער, ווען זיי ווערן אין זיך גופא באַטראַכט...
איך וועל דעריבער באַהאַנדלען די נאַטור און די שטאַרקייט פון די

עמאָציעס לויט דעם זעלבן מעטאָד, מיט וועלכן איך האָב זיך ביז איצט באַנוצט אין מיינע אונטערזוכונגען וועגן גאָט און וועגן גייסט. איך וועל באַטראַכטן מעגלעכע האַנדלונגען און באַגערן אַקוראַט אויף דעמזעלבן שטייגער, ווי ווען איך וואָלט זיך אָפּגעגעבן מיט ליניען, פלאַכן און דריי־דימענסיאָנעלע קערפּער“.

בערגסאָן באַפרייט דעם גייסט און דאָס לעבן פון די קייטן פון מאַטעמאַטיק און נאַטור־געזעצמעסיקייט.

גייסט און לעבן זענען באַשאַפנדיקע כחות, זיי זענען דאָס דער אומאויפהערלעכער שטראָם פון לעבן, זיי דויערן, און אַלץ וואָס שאַפט און דויערט איז פריי, די וועלט ווערט נישט געהאַלטן געפאַנגען אין דער נעץ פון אייביקייט, נאָר פאַרקערט, זי האָט פאַר זיך אַן אבסאָלוט־פרייע און אומבאַשטימטע צוקונפט. די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט אין איר אַבסאָ־לוטהייט גייט אַריין אין יעדן צוקונפטיקן מאָמענט, שלינגט אים איין און פאַרוואַנדלט אים דורך געגנוואַרט פון דאָס ניי אין אַ פאַרגאַנגענהייט. דאָס אַלץ ווערט אָבער געטאָן נאָך דעם שאַפונגס־מאָמענט און נישט פריער אָדער בשעת דעם שאַפן. די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט באַטייליקט זיך אין דעם שאַפונגס־פּראָצעס, ווירקט און באַיינפלוסט אים דורך איר גרעסערער אָדער קלענערער מער אינטענסיווער אָדער ווייניקער אינטענ־סיווער געשפּאַנטקייט, זי קאָן אים אָבער נישט באַשטימען, און נאָך ווייניקער פאָרויסבאַשטימען. אַלץ, וואָס ווערט געשאַפן, ווערט תיכף ומיד איינגעשלאָסן אין די ראַמען פון געזעצן, וואָס די לאָגיק אָדער דער אינ־טעלעקט האַלט אַלע מאָל צוגעגרייט. מיט דעם אַריינטריטן אָבער פון דעם געשאַפענעם אין די ראַמען פון אינטעלעקטועלער געזעצמעסיקייט, ווערט עס שוין מאַטעריאַליטעט אָנשטאָט גייסט, לעבלאָזיקייט אָנשטאָט לעבן. לעבן און גייסט אין זייערע טיפסטע מהותן שטייגן אַריבער די מאַטעריאַליטעט אַזוי גוט, ווי די אינטעלעקטואַליטעט און מיט זיי איינעם יעדע מאַטעמאַטישע געזעצמעסיקייט און יעדע פיזישע פאַרורזאַכלעכקייט און יעדע וויסנשאַפטלעכע קאַוזאַליטעט.

„דער אַנאַליז“, — זאָגט בערגסאָן, — „וועט בלי ספק רעדוצירן די פּראָצעסן פון דעם אָרגאַנישן באַשאַף צו אַ באַשטענדיק־וואַקסנדיקער צאָל פון פיזיאָ־כעמישע דערשיינונגען, און די כעמיקער און פיזיקער וועלן נאַטירלעך זיך נישט פאַרנעמען מיט קיין אַנדער זאַך ווי מיט די דאָזיקע

פּראָצעסן; דערפון אָבער דרינגט נישט, אַז די כעמיע און די פיזיק וועלן אונז ווען עס איז געבן דעם שליסל צום לעבן...

אַלע אונזערע אַנאַליזן ווייזן אונז אין דעם לעבן אַ באַמיהונג אַרויס־צושטייגן אויף דעם משופּעדיקן פלאַך, פון וועלכן די מאַטעריע קויקלט זיך אַראָפּצו. דערין אַנטפּלעקן זיי צו אונז די מעגלעכקייט, די נויטווענ־דיקייט אפילו, פון אַ פּראָצעס, וועלכער איז דער הפוך פון מאַטעריאַליטעט, אַ פּראָצעס, וועלכער איז בכח בלויז דורך זיין אונטערברעכונג צו שאַפן מאַטעריע".

אויף וויפיל דאָס לעבן איז דער הפוך פון מאַטעריאַליטעט, אויף וויפיל עס זוכט רק זיך צו באַפרייען פון דער מאַטעריאַליטעט, אויף אַזוי פיל איז עס פול מיט אָן אַ שיער שאַפונגס־מעגלעכקייטן, און דאָס וואָס האַלט אין באַשאַפן ווערן קאָן נישט דערקלערט ווערן דורך דעם, וואָס איז נאָכנישט געשאַפן געוואָרן, און ממילא, קאָן עס אויך נישט פאָרויס־געזען און נישט פאָרויסבאַשטימט ווערן.

דער אינהאַלט פון דעם, וואָס איז נאָכנישט פאַראַן, איז צו קיינעם, אפילו צו גאָט אַליין, נישט באַקאַנט. אַלץ וועגן וואָס מען איז זיכער איז, אַז יעדע נייע שאַפונג מיינט אַ גרעסערע אָנגעשפּאַנטקייט פון גאָט, אַ שטאַרקערע פאַרטיפונג פון דער אוניווערסאַלער ווערזנטלעכקייט, אַלץ מער טריומף פון קאָנצענטרירונג איבער צעשטערונג, אַלץ מער זיג פון גייסט איבער מאַטעריע, אַלץ טיפערע אינהאַלטן פאַר אוניווערסאַלער געטלעכקייט, אַלץ טיפערע זינען, צילן און צוועקן און ווערטן פאַר דער אַלוועלטלעכער סובסטאַנץ, סוביעקט אָדער פּערזאָן, וואָס גייט אונטער דעם נאָמען גאָט.

V

דער דויער אַלזאָ איז שוין אין זיך איפּסאָ=פאַקטאָ כולל דעם אינ=דעטערמיניזם, וועלכער איז, לויט אונזער מיינונג, בערגסאָנס גרעסטער אויפטו. קיינער איז נאָכנישט אַזוי שטאַרק ווי ער אַרויסגעטראָטן קעגן יעדן מין פון מעכאַניזם, סיי אין דער גייסטיקער געשטאַלט, וואָס שפּינאָזאַ האָט אים געגעבן, סיי אין דער מאַטעריאַליסטישער געשטאַלט, וואָס די וויסנשאַפט האָט זיך ביז איצט באַמיט אים צו געבן.

בערגסאָנס טענה איז, אַז די מעכאַניסטישע דערקלערונגען זענען אָנ=ווענדבאַר אויף סיסטעמען, וועלכע אונזער געדאַנק האָט אויף אַ קינסטלעכן אופן אָפּגעריסן פון דעם גאַנצן. מיר קאָנען אָבער בשום אופן נישט צו=געבן, אַז דאָס גאַנצע גופא און די סיסטעמען, וואָס זענען אין דעם גאַנצן און גייען אין די טריט פון דעם גאַנצן, זענען אויף אַ מעכאַנישן אופן דערקלערבאַר, דען יעמאָלט וואָלט צייט געווען נוצלאָז און נישט ווירקלעך זאָגאַר.

און וואָס איז די עסענץ פון מעכאַניזם, פרעגט בערגסאָן, אויב נישט דאָס, וואָס ער באַטראַכט די צוקונפט און די פאַרגאַנגענהייט ווי פונקציעס פון דער געגנוואַרט, וואָס קאָנען אויסגערעכנט ווערן? און דאָס אַלץ מיינט דאָך בלויז אָננעמען מיט שפּינאָזאַן, אַז אַלץ אין דער וועלט איז שוין געגעבן געוואָרן. און גייענדיק אין די מאַטעריאַליסטישע וועגן, אָנשטאָט שפּינאָזאַס גייסטיקע וועגן, זענען אַזעלכע וויסנשאַפטס=לייט, ווי לאַפּלאַס און האָקסלי געקומען צום שלוס, אַז ווען דער מענטשלעכער שכל זאָל קאָנען אַריינבליקן אין דעם תוך און תמצית פון דעם צונויפשטעל פון דער מאַטעריע און אין דעם גאַנג פון אַלע אָפּעראַציעס פון דער קאָס=מישער קראַפט, וואָלט ער געקאָנט פאָרויסזאָגן אין אַלע איינצלהייטן די צוקונפטיקע געשעענישן פון דער וועלט. די גאַנצע צוקונפט וואָלט געבליבן

ליגן אַז אָפּענע פֿאַר אים. דאָס וואָלט געמיינט, אַז צייט האָט נישט קיין ברעקל ווירקזאַמקייט, אַז צייט טוט גאָרנישט, און איז גאָרנישט.

דויער מיינט אָבער, אַז די קאָנקרעטע צייט ווירקט און שאַפֿט און פֿילט זיך אָן אויף אַן אומאויפֿהערלעכן אופֿן מיט נייע אינהאַלטן, וועלכע זענען אין ערגעץ=נישט נישט געלעגן פּאָטענציעל און דערפֿאַר קאָנען זיי בשום אופֿן נישט פֿאָרויסגעזען ווערן.

בערגסאָן וויל האָבן, אַז יעדער מאָמענט פֿון אונזער פּערזענלעכקייט איז אַן אָריגינעלער מאָמענט פֿון אַ געשיכטע, וועלכע איז נישט ווייניקער אָריגינעל. דערמיט טראָגט ער אַריבער דעם דויער פֿון דעם איינצלנעם פּערזאָן אויף דעם אוניווערס אַלס גאַנצעם. די גאַנצע רעאַליטעט אויף אַזאַ אופֿן, די אוניווערסאַלע פּערזענלעכקייט גופֿא, אַנטוויקלט זיך אין אַ פֿרייער פֿון אַלערליי פֿאָרויסבאַשטימטקייטן צוקונפֿט.

דאָ האָט בערגסאָן געגעבן אַ גאַנצע נייע ווענדונג צו די אַלע דיסקוסיעס וועגן דעם פּראָבלעם פֿון פֿרייען ווילן. ער האָט צום ערשטן מאָל קלאָר געמאַכט, אַז די פֿרייהייט פֿון דעם מענטשן באַשטייט נישט אין דעם אויסקלייבן צווישן צוויי מעגלעכע פֿאָרשטייענדע האַנדלונגען. פֿון אַ דויער=שטאַנדפּונקט איז דאָך אַזאַ זאַך נישט מעגלעך, דען אַלץ וואָס שטייט פֿאָר דעם דויער און דעם שאַפֿנדיקן גייסט, אַלץ וואָס שטייט=פֿאָר דעם מיט אימפּעט זיך טראָגנדיקן לעבנס=שטראָם, איז אַ צוקונפֿט, פֿריי פֿון וועלכע עס איז פּרעדעטערמינאַציעס. דער מענטש איז פֿריי בלויז צו וועלן, דאָס הייסט ער איז פֿריי צו טרייבן זיינע שאַפֿונגס=כחות, זיין דויער=אינטענסיוויטעט, זיין שאַפֿנדע קאָנצענטרירטקייט ביז דעם העכסטן און טיפֿסטן גראַד. ער קאָן אָנרעגן און אָנשפּאַרן זיין ווילן צו דער פֿריי=הייט ביז צו דעם העכסטן עקסטאַז, און דערמיט העלפֿן דעם טריומף פֿון גייסט איבער דער מאַטעריע, וואָס דאָס מיינט, ממילא, צו העלפֿן שאַפֿן נייערע און טיפֿערע אינהאַלטן און געשטאַלטן פֿאַר דער וועלט, וואָס יעדער איינער פֿון זיי, און זיי אַלע איניינעם אַודאי, באַטייטן אַ פֿאַרטיפֿונג פֿון דעם אוניווערסאַלן זעלבסט.

דער מענטש ווערט אויף אַזאַ אופֿן אַן אמתער שותּף צו מעשה=בראשית. יעדע אָנשטרענגונג זיינע אין דער ריכטונג פֿון גייסט איבער מאַטעריע קריגט אַ טיפֿערן זין און גרעסערן ווערט. און די באמת פֿיל אויפֿטוענדע אָנשטרענגונג איז נאָר די, וואָס אין איר ווערט פֿאַרקערפּערט

די גאַנצע פּערזענלעכקייט פון דעם מענטשן, זיין גאַנצער און פולער זעלבסט. דעריבער רעדט מאַקע בערגסאָן אויסדריקלעך וועגן צוויי זעלבסטן אין איינעם און דעמזעלבן מענטשן. איין זעלבסט איז, ווי ער דריקט זיך אויס, די אויסנווייניקסטע פּראָיעקטירונג פון דעם צווייטן זעלבסט, זיין רוימלעכע פאָרשטעלונג. צום טיפערן נישט רוימלעכן זעלבסט קאָן מען צוקומען נאָר דורך אַ טיפער אינטראָספּעקציע, וועלכע פירט אונז דערצו, אַז מיר זאָלן באַנעמען אונזערע אינערלעכע צושטאַנדן ווי לעבעדיקע זאַכן, וואָס האַלטן אין איין ווערן".

„דעם דאָזיקן זעלבסט", — זאָגט בערגסאָן, — „עמפּינדן מיר ווען דורך אַ העפטיקער אָנשטרענגונג פון נאָכדענקען, ווענדן מיר אָפּ אונזערע אויגן פון דעם שאָטן, וואָס פאָלגט אונז נאָך, און מיר ציען זיך צוריק אין אונז גופא. הגם אין אַלגעמיין לעבן מיר און האַנדלען אויסנווייניק פון אונזער אייגענער פּערזאָן, אין רוים ליבערשט ווי אין דויער, און הגם מיר גיבן דערמיט אַ פינגער צו דעם געזעץ פון קאַוזאַליטעט, וועלכער בינדט די זעלבע רעזולטאַטן צו די זעלבע אורזאַכן, פונדעסטוועגן קאָנען מיר אַלע מאָל גיין צוריק צו דעם ריינעם דויער, וואָס זיינע מאָמענטן זענען אינע-ווייניק און פאַרשיידן איינער פון דעם אַנדערן און וואָס אין איר קאָן נישט אַן אורזאַך ווידערהאָלן זיינע פאָלגן, מחמת די אורזאַך וועט זיך גופא קיינמאָל נישט ווידערהאָלן".

צוריק צו דעם דויער גייען מיר יעמאָלט, ווען די געפילן, דער ווילן און די פאַרנונפט גיסן זיך צונויף אין איין עטוואָס, וואָס איז נישט ווילן, נישט געפיל און נישט פאַרנונפט, נאָר עטוואָס אַלץ איגיינעם גענומען, וואָס איז טיפער און שטאַרקער פאַר יעדן איינציקן אויסדרוק באַזונדער, און וואָס קאָן באַצייכנט ווערן, וואָלטן מיר געזאָגט, מיט דעם נאָמען אינטענסיווע באַשאַפנקייט.

דאָס איז דער מאָמענט, וואָס וויים נישט פון קיינע געזעצן און קיינע אויסגערעכנטקייטן, פון קיין טרוקענער לאָגיק, פון קיין ראַמען-מאַכנדיקן אינטעלעקט. דאָס איז דער מאָמענט, ווען נייע וועלטן ווערן געשאַפן, ווען גרויסעס און געניאַלעס ווערט אויפגעטאָן. דאָס איז דער מאָמענט, ווען דאָס קאָסמיש-כאַאָטישעס, געדאַנקלעך-איראַציאָנאַלעס ווערט געשאַפן אין אַזאַ מאָס, אין אַזאַ פולהייט, אַז עס קלעקט געווים פאַר דער נאַטור דאָס צו פאַרגעוועמעסיקן און פאַר דער לאָגיק דאָס צו ראַציאָ-

גאַליזירן און בלייבן זאָל נאָך איבערגעגוג עפּעס אַזעלכעס, וואָס לאָזט זיך נישט, נישט נאַטוראַליזירן און נישט ראַציאָנאַליזירן, און וואָס קאָן נאָר פון צייט צו צייט אויפגעכאַפּט ווערן — אויף אַ קליינעם שטייגער פון די, וואָס באַזיצן אַ קלענערע אינטואיציע, און אויף אַ גרעסערן שטייגער פון די, וואָס באַזיצן אַ גרעסערע אינטואיציע.

איראַציאָנאַליזם ווערט אויף אַזאַ אופן נאָך אַ שטריך, וואָס איניינעם מיט דויער און אינדעטערמיניזם שטעלט ער צונויף די דריי שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירן די פילאָסאָפיע פון בערגסאָן. און ביידע איניינעם, הייסט עס, האָבן די צוויי גרויסע ייִדישע פילאָסאָפן, שפּינאָזאַ און בערגסאָן, געגעבן דער מענטשהייט אַ בילד פון אַ וועלטאַל, וועלכע איז אַבסאָלוט און רעאַליסטיש ספּיריטועל און אימאַנענט מאָניסטיש; דערצו איז זי דעטער־מינירט אָדער פריי, געזעצמעסיק ראַציאָנאַל אָדער געזעצלאָז איראַציאָנאַל.

אין אונזער בוך וועגן שפּינאָזאַ און בערגסאָן וועלן מיר זיך באַמיען אָנצוווייזן, וואָס פאַר אַ וועלט מיט דויער שפּינאָזאַס אייביקייט פאַרמאָגט, וואָס פאַר אַ ים מיט פרייהייט שפּינאָזאַס דעטערמיניזם אַנטפּלעקט פאַר אונז, און וויפיל פּלאַץ שפּינאָזאַ לאָזט איבער אין זיין סיסטעם אויך פאַר דעם איראַציאָנאַליזם.

פון דער אויפגאַבע, וועלכע מיר האָבן זיך געשטעלט, זעט שוין נאַטירלעך דער לעזער, אַז אונז שמעקט מער דער איראַציאָנאַליזם איידער דער ראַציאָנאַליזם, דער אינדעטערמיניזם מער איידער דער דעטערמיניזם, און דער דויער מער איידער די אייביקייט, און מיר לייקענען נישט, אַז דאָס איז דער פאַל. מיר זענען זייער שטאַרק פאַרקאָכט אין בערגסאָנס איראַציאָנאַליזם און אין שפּינאָזאַס אַבסאָלוטיזם און אין ביידנס ספּירי־טואַליזם אָדער פּאָזיטיוון און אימאַנענטן אידעאַליזם.

די לעזער פון אונזער בוך „קולטור און ציוויליזאַציע" ווייסן שוין, אַז מיר באַטראַכטן דעם ספּיריטואַליזם אין זיין טיפסטער פאָרם, דאָס הייסט, אין זיין ייִדיש־מאָניסטישער געשטאַלט, איניינעם מיט דעם אַבסאָ־לוטיזם און איראַציאָנאַליזם פאַר די זיילן פון אַ נייעם סאָציאַליזם, פאַר דער פילאָסאָפישער גרונטלאַגע פון אונזער ניי־סאָציאַליזם.

און מיר באַטאָנען דאָ אַזוי שטאַרק ייִדיש־מאָניסטיש געשטאַלט, ווייל מיר ווילן נישט, אַז אונזער רוף קולטור אין געגנזאַץ צו ציוויליזאַציע זאָל פאַרשטאַנען ווערן אין אַ רוסאָנישן אָדער טאָלסטאָיאישן זין.

מיר גלויבן, אַז דער פּראָגרעס פון דער וועלט איז אַן אומאויפהערלעכער און אַז יעדער ריקווערטס־גייענדיק פּאַסיקל פון דער זיג־זאַגאַנטוויקלונגס־ליניע איז אַ נויטיקער און וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון דעם אומאונטערבראָכענעם אוניווערסאַלן פּראָגרעס־מאַרש, אפילו אויב מיר קאָנען נישט זען דעם צוזאַמענהאַנג דערפון. דערפאַר באַשטייען מיר אַזוי שטאַרק אויף דעם אַבסאָלוטן ווערט פון יעדן מאָמענט פון דער וועלט־געשיכטע, און מיר ווילן דעריבער בשום אופן נישט, אַז די וועלט אָדער די מענטשהייט זאָל גיין צוריק צו דער נאַטור אַלס אַזעלכער, ווען דאָס זאָל אפילו מעגלעך זיין, און אויך נישט צוריק צו דעם, וואָס איז אַמאָל געווען, ווען מען זאָל אפילו קאָנען זיך פאָרשטעלן אַזאַ זאַך. די נאַטור איז אָרעמער פאַר דער קולטור. די פאַרגאַנגענהייט, האָט זי געמעגט זיין ווי רייך, איז דאָך אָרעמער אין אינהאַלט פאַר דער געגנוואַרט.

מיר ווילן אויך נישט קיין פּאָרויסבאַשטימטע און סיסטעמאַטישע אונטערדריקונג פון דער ציוויליזאַציע אוים פיינטשאַפט סתם צו אַ באַקוועמלעכן פיזישן לעבן אָדער רייכן מאַטעריעלן לעבן אָדער אוים דעם גלויבן, אַז נאָר אין ליידן לייטערט זיך די נשמה. טיפע פרייד, לויט אונזער מיינונג, פאַרטיפט און לייטערט פּונקט אַזוי גוט ווי טיפע לייד.

מיר ווילן בלויז אַ פולשטענדיקע קאָנטראָל איבער דער מאַכט און קראַפט פון דער ציוויליזאַציע און אַ באַשטענדיקע באַרייטקייט מקריב צו זיין, ווען דאָס איז נויטיק, מיט דער ציוויליזאַציע פאַר דער קולטור. און די גאַראַנטיע פאַר דער דאָזיקער קאָנטראָל ליגט אין דער אַבסאָלוטער סאָציאַלער פרייהייט און אין דער אַסאָלוטער עקאָנאָמישער גלייכהייט. זייביידע קאָנען קומען נאָר אין דעם אַקט און דורך דעם אַקט פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע און אַזאַ סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט קומען נאָר יעמאָלט, ווען די געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספערע וועט אָנגעפילט ווערן מיט דעם באַגריף פון קולטוריזם אַלס אַן אויסגאַנגס־פּונקט און ענדציל פון דער געזעלשאַפט און ווען דער סאָציאַלער באַוואוסטזיין וועט דערשפּירן אין דער גערעכטיקייט דעם העכסטן אויסדרוק פון קולטור און אין דער אונטערטעניקייט פון דער ציוויליזאַציע צו דער קולטור דעם אַבסאָלוט־נויטיקן באַדינג פאַר דער מענטשלעכער עקזיסטענץ.

ביז איצט האָט בערגסאָן דערווייל גערעדט אין אַ נאַטור־פילאָסאָפישן זין וועגן דער שייכות צווישן דעם באַשאַפער און זיינע שאַפונגס־

מאָמענטן צו דעם געשאַפענעם. אונז אָבער אינטערעסירט די עטישע און סאָציאַלע זייט פון די דאָזיקע שייכותן.

קולטור, לויט אונזער מיינונג, איז די שייכות צווישן אַלע זעלבסטן אין דער וועלט און זייער אַלעמענס שייכות צו דעם זעלבסט איבער אַלע זעלבסטן. די ממשותדיקע פאָרמען, וועלכע די דאָזיקע אַלע שייכותן נעמען אָן אין דעם לויף פון אַלע שאַפונגס־מאָמענטן, איז ציוויליזאַציע. דער פראָגרעס פון דער וועלט באַשטייט אין אַן אַלץ אַ שטאַרקערע און שטאַרקערע קאָנטראָל פון אינהאַלט איבער פאָרם בכלל, און דעריבער אויך פון קולטור איבער ציוויליזאַציע בפרט.

פון אַ מאָניסטיש־ספּירימועלן שטאַנדפּונקט קאָן די ציוויליזאַציע נישט זיין קיין צופאַל אָדער עטוואָס, וואָס איז געגעבן געוואָרן בלויז צוליב דעם, אַז דער מענטש זאָל קאָנען גייסטיק שטייגן דורך דעם, וואָס ער וועט עס מבטל־מאַכן. ציוויליזאַציע ווי מאַטעריע איז אַ צושטאַנד אָדער אַן אָנזיכט פון דער וועלט־סובסטאַנץ, פון דער קאָסמישער מהות, וואָס הייסט גאָט. דאָס זיין און די אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער מהות פאָדערט, אַז זי, די ציוויליזאַציע, זאָל איבערשטייגט און קאָנטראָלירט ווערן, אָבער נישט, אַז זי זאָל פאַרניכטעט און צונישט ווערן.

אונזער פילאָסאָפישע גרונדלאַגע פאַר דער שייכות צווישן ציוויליזאַציע און קולטור אַלס אַ באַזיס פאַר דעם ניי־סאָציאַליזם וועט, אַזוי שטעלן מיר זיך פאָר, אַ סך געווינען אין קלאָרקייט און באַשטימטקייט, ווען מיר וועלן האָבן אַ געלעגנהייט זיך אָפּצושטעלן אויך אויף די פונקטן, אין וועלכע מיר גייען זיך פאַנאַנדער סיי מיט בערגסאָנען, סיי מיט שפּינאָזאן. און דאָס מיינט, ווען מיר וועלן קומען צו אונזער אייגענעם באַגריף וועגן דער שייכות צווישן דער מענטשלעכער מהות און דער אוניווערסאַלער מהות, אָדער צו דער שייכות צווישן די איינצלנע זעלבסטן און דעם אוניווערסאַלן זעלבסט, אָדער גאָט.

אויף ווי ווייט מיר לייענען אַרויס פון די ביז־איצטיקע ווערק פון בערגסאָן זיין עטיק, דאָס הייסט, זיין באַגריף וועגן דער שייכות צווישן מענטש און גאָט און זיין באַגריף פון דער געשטאַלטונג פון גאָט זעלבסט, אויף אַזוי ווייט שטעלט אונז זיין בילד אַזוי ווייניק צופרידן ווי שפּינאָזאס בילד, וואָס מאַכט מעגלעך פאַר אים צו אידענטיפיצירן די אויסדריקן נאַטור, סובסטאַנץ און גאָט.

מיר האָפן צו אַנטוויקלען אונזער אייגענעם באַגריף אין די ווייטער־
דיקע ווערק אין פאַרבינדונג מיט דעם ניי־סאָציאַליזם און אויך אפשר
אומאָפּהענגיק פון סאָציאַלע טעאָריען און באַוועגונגען. מיר זענען, אָבער,
זיכער, אַז די אַנטוויקלונג וועט גיין אין די ליניען, וואָס זיי האָבן אָנגע־
צייכנט שפּינאָזא און בערגסאָן, און דאָס דערקלערט אונזער גרויסן אינ־
טערעס און טיפע איבערגעגעבנהייט צו די ווערק פון די צוויי גרעסטע
יידישע פילאָסאָפן — בערגסאָן און שפּינאָזא.

VELUT ARBOR ÆVO

Presented to the
LIBRARY *of the*
UNIVERSITY OF TORONTO
by

SAM LIPSHITZ

B
3998
N3
1923X
c. 1
ROBA